בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**לִקּוּט מִכְתָּבִים תּוֹדָה וְהוֹדָאָה**

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# לִקּוּט מִכְתָּבִים

בעזהשי״ת

### ״לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לִשְׁמוֹ הַגָּדוֹל״
(לקוטי מוהר״ן חלק ב׳, סימן ב)

דער ראש ישיבה שרייבט אין א בריוו: ״חנוכה איז א צייט פון דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, אזוי ווי מיר זאגן (בנוסח על הניסים): ׳וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה, לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל׳, די הייליגע חכמים האבן קובע געווען די טעג פון חנוכה צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף אלע ניסים וואס ער האט געטון מיט אונז, און וואס ער טוט שטענדיג מיט אונז. יעצט איז א צייט וואס מען דארף זיך מתבונן זיין אין די ניסים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז, און אים דאנקען און לויבן אויף אלע חסדים״.

ווען מיר ווילן זיך אנהויבן צו מתבונן זיין אין די חסדים און ניסים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז - טרעפן מיר זיך אין א פראבלעם, דער אייבערשטער טוט מיט אונז אזויפיל ניסים און חסדים אז מיר קענען ניטאמאל אנהויבן דאנקען פאר די אן א שיעור חסדים און ניסים וואס ער טוט מיט אונז.

מיר ווייסן אבער אז ״לא עליך המלאכה לגמור, ולא אתה בן חורין להבטל ממנה״, מיר דארפן טון וויפיל מיר קענען, דערפאר האבן מיר צאמגעקליבן א קאלעקציע פון בריוון וואס דער ראש ישיבה שליט״א האט געשריבן פאר אנשי שלומינו שיחיו אין די נושא פון תודה והודאה, און מיר האבן דאס צעטיילט אין פיר קאטעגאריעס, תודה והודאה, בני, חיי און מזוני, וואס דאס וועט אונז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף געבן חיזוק און התעוררות צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן מער און מער, און פון די טעג פון חנוכה וועט דאס אונז באגלייטן אויף א גאנץ יאר, און מיר וועלן דורכדעם זוכה זיין צו אלע ישועות און רפואות, און זען דאס גוטס פונעם לעבן און זיין שטענדיג בשמחה.

א פרייליכן ליכטיגן חנוכה

מכון עצתו אמונה

# מהדורת ראזענבערגער

**הספר הקדוש הזה נתנדב לזכות**

**מוה"ר מרדכי ראזענבערגער הי"ו**

**וזוגתו מלכה תחי'**

**ובתם הינדא רחל תחי'**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון

# תּוֹדָה וְהוֹדָאָה

## עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער מַכִּיר טוֹבָה צוּ זַיין, וָואס טוּ אִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק בִּין אִיךְ דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע תְּקוּפָה, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מִיר שְׁטַארְק גֶעהָאלְפְן, סְפֶּעצִיעֶל עֶטְלִיכֶע פוּן מַיינֶע פֶּעטֶערְס, אוּן יֶעצְט ווִיל אִיךְ זֵיי אַרוֹיסְוַוייזְן עֶפֶּעס אַ הַכָּרַת הַטּוֹב, אִיךְ ווֵייס אָבֶּער נִישְׁט ווִי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זֵיי צוּ קוּקְן אִין פָּנִים ווַייל דָאס דֶערְמַאנְט מִיךְ פוּן דִי שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן זֵיי.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זֵיי ווַייזְן הַכָּרַת הַטּוֹב?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ז׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַכָּרַת הַטּוֹב אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה, ווִידֶערְאוּם זַיין אַ כְּפוּי טוֹבָה אִיז זֵייעֶר אַ מִיאוּסְ׳עֶ מִדָּה. דֶערְפַאר הָאבְּן מִיר דִי מִצְוָה פוּן בִּכּוּרִים, קוּמֶען צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט דִי עֶרְשְׁט גֶעצַייטִיגְטֶע פְּרוּכְט אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים כו, ג): ״וְאָמַרְתָּ אֵלָיו הִגַּדְתִּי הַיּוֹם״, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין כְּפוּי טוֹבָה (סִפְרִי דְּבָרִים, פִּיסְקָא רצט).

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר גֶעבְּט דִיר וֶועט דִיר זַיין גְרִינְג צוּ דַאנְקֶען דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֶעלְפְן דִיר.

וֶוען מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט צוּ אוּנְז, עֶר גֶעבְּט אוּנְז נָאר גוּטְס - דַארְפְן מִיר אִים שְׁטֶענְדִיג לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען, נִישְׁט ווַארְטְן עֶס זָאל קוּמֶען שְׁלֶעכְטְס. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ

לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "וְוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אִים אוּן לוֹיבְּט אִים, זָאגְט עֶר פַאר דִי מַלְאָכִים: 'קוּקְט אָן דֶעם אִיד, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אוּן עֶר דַאנְקְט מִיךְ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס גוּטְס מֵיינְט', אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט וִוי אֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיף זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס שְׁלֶעכְטְס מֵיינְט'"; וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער גוּטְס קוּמְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

אוֹיבּ גוּטְס דֶערְמַאנְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דַארְף מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט שְׁלֶעכְטְס; דֶער רַבִּי"ץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן: "עֶס זֶענֶען פַארְהַאן 'חֲסִידִים' אוּן עֶס זֶענֶען פַארְהַאן 'צָרוֹת חֲסִידִים'"; דָאס הֵייסְט עֶס זֶענֶען פַארְהַאן חֲסִידִים וָואס קוּמֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ זֵייעֶר רֶבִּי, אוֹיךְ וֶוען עֶס גֵייט זֵיי גוּט; נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא חֲסִידִים וָואס קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן וֶוען זֵיי הָאבְּן צָרוֹת, זֵיי רוּפְט מֶען 'צָרוֹת חֲסִידִים', פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "וֶוען זֵיי וָואלְטְן גֶעקוּמֶען וֶוען עֶס גֵייט זֵיי גוּט, וָואלְטְן זֵיי גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן דִי אַלֶע צָרוֹת".

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן נָאר גוּטְס זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

...

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, אוּן עֶס אִיז מִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען צוּקוּמֶען צוּ זַיין אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ, וַוייל עֶס קוּמְט אַסַאךְ מָאל שְׁוֶוערֶע צַייטְן וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שְׁוֶוער צוּ זַיין דֶעמָאלְט פְרֵיילִיךְ, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין יָא צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי, 'הַיְנוּ, שֶׁגַּם אֲפִלּוּ בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ, הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מַרְחִיב לָנוּ", מִיט דֶעם פָּסוּק דַאנְקְט דָוִד הַמֶּלֶךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי צָרוֹת וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרָאפְן גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אִין דִי צָרוֹת. "כִּי אִם יִסְתַּכֵּל הָאָדָם עַל חַסְדֵי ה' יִרְאֶה שֶׁאֲפִלּוּ בְּעֵת שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מֵצֵר לוֹ, גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מַרְחִיב לוֹ וּמַגְדִּיל חַסְדּוֹ עִמּוֹ", ווַייל אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַז דִי צָרָה זָאל זַיין מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים. דָאס זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ: "'בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי', הַיְנוּ אֲפִלּוּ בְּתוֹךְ הַצָּרָה בְּעַצְמָהּ נָתַתָּ לִי הַרְחָבָה בְּתוֹכָהּ", אִינֶעם צָרָה גֶעבְּסְטוּ מִיר אַזוֹיפִיל גוּטְס, "מִלְּבַד מַה שֶּׁאָנוּ מְצַפִּים שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹשִׁיעֵנוּ בְּקָרוֹב מִכָּל הַצָּרוֹת וְיֵיטִיב עִמָּנוּ מְאֹד, אַךְ אֲפִלּוּ גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ מַרְחִיב לָנוּ", פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיר וַוארְטְן, הָאפְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַוֶועק נֶעמֶען אִינְגַאנְצְן דִי צָרוֹת אוּן עֶס זָאל אוּנְז אִינְגַאנְצְן גוּט וֶוערְן, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם, ווִילַאנְג מֶען הָאט נָאךְ דִי צָרָה אִיז דָא גְרוֹיסֶע חֲסָדִים.

אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן ווִיפִיל גוּטְס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוּנְז וֶועלְן מִיר זֶען אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן אִים צוּ לוֹיבְּן אוֹיף זַיינֶע פִילֶע חֲסָדִים. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק זַיין מִיר זָאלְן גֵיין כְּסֵדֶר אִין שְׁפִּיטָאל בַּאזוּכְן חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן בִּיקּוּר חוֹלִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים לט:): "כָּל הַמְבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה נִיצּוֹל מִדִּינָהּ שֶׁל גֵיהִנָּם", וֶוער עֶס אִיז מְבַקֵּר חוֹלֶה וֶוערְט נִיצּוֹל פוּן גֵיהִנּוֹם; פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן אַז אוֹיסֶער דִי מִצְוָה וָואס מֶען אִיז מְקַיֵּים בַּיים בַּאזוּכְן אַ חוֹלֶה פַארְדִינְט מֶען דֶערְפוּן אַז מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, מֶען הֵייבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט, מֶען קֶען גֵיין אוּן קוּמֶען, מֶען קֶען עֶסְן

און טְרִינְקֶען וְכוּ' וְכוּ' און מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז די שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אִיז נָאךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים און די צָרָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ; מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט.

אַז דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף די גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דִיר אַזַא שִׂמְחָה אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אַ טֶענְצְל יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וִוי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ טַאנְצְן אַפָּאר מָאל אַ טָאג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהֵייסְן פַאר אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶר זָאל טַאנְצְן יֶעדְן טָאג, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט נִישְׁט זֶען דֶעם פָּנִים פוּן גֵיהִנוֹם", סַיי דֶער גֵיהִנוֹם אוֹיף די וֶועלְט און אַזוֹי אוֹיךְ דֶער גֵיהִנוֹם אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין נִיכְטֶע אִיז מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְצַעֵר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דֶעם עֶנְטְפֶער אִיבֶּער די שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט וֶועגְן מַיין נִיכְטֶע וָואס רֶעדְט מִיט מַיין מַאן, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת און חִיזוּק וָואס אִיר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, און בִּכְלַל דַארְף אִיךְ גֶעבְּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ סְפֶּעצִיעֶל פַאר די שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט, וָואס הָאט מִיר אַזוֹיפִיל מְחַזֵק גֶעוֶוען און גֶעהָאלְפְן אִין אַזוֹיפִיל אַסְפֶּעקְטְן.

אִיךְ מֵיין אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג גוּט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט אִין מַיין פְרִיעֶרְדִיגֶע שְׁאֵלָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעֲנוֹת אוֹיף מַיין מַאן, עֶר אִיז זֵייעֶר וואוֹיל, עֶר פַארְשְׁטֵייט מַיין צַעַר, און עֶר פְּרוּבִּירְט מִיר צוּ הֶעלְפְן דָאס מֶערְסְטֶע. מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר מִיט מַיין נִיכְטֶע, וָואס רֶעדְט און לַאכְט כְּסֵדֶר צוּ מַיין מַאן, כָאטְשׁ וָואס עֶר מַאכְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט ווִיסְנְדִיג פוּן אִיר.

בַּיי מַיין שְׁווִיגֶער הֵייסְט אִיךְ דִי סֶענְסִיטִיוְוע שְׁנוּר, דֶערִיבֶּער גֵייט קֵיינֶעם נִשְׁט אָן אַז דִי אֵיינִיקֶל אִיז מִיךְ אַזוֹיפִיל מְצַעֵר. מַיין מַאן פַארְשְׁטֵייט מַיין צַעַר אוּן עֶס טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי, אָבֶּער דָאס מֵערְסְטֶע וָואס עֶר קֶען טוּן אִיז נָאר אִיר צוּ אִיגְנָארִירְן, אוּן אִיךְ פוּן מַיין זַייט קֶען נָאר טוּן דָאס מֶערְסְטֶע צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן.

דֶערְוַוייל גֵייט עֶס שׁוֹין אָבֶּער אָן אַזוֹי פַּאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט עֶס זָאל עֶפֶּעס בֶּעסֶער וֶוערְן. אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס אַן עֵצָה וָואס אִיךְ קֶען טוּן דֶערְצוּ? אָדֶער דַארְף אִיךְ פָּשׁוּט מְקַבֵּל זַיין דִי גְזֵירָה בְּאַהֲבָה?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְּבָרִים-חֲזוֹן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אַייעֶר מַאן אִיז מִיט אַייךְ, עֶר אִיז וואוֹיל צוּ אַייךְ אוּן עֶר הֶעלְפְט אַייךְ - זֶענְט אִיר דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע פְרוֹי וָואס אִיז פַארְהַאן! וָואס דַארְף אַ פְרוֹי מֶער פוּן דֶעם אַז דֶער מַאן זָאל אִיר הֶעלְפְן אוּן זַיין גֶעטְרֵיי צוּ אִיר?

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס הֶערְשְׁט שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶער פוּן דֶעם זָאל אַייךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן. עֶס דַארְף אַייךְ נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס דִי מִשְׁפָּחָה הַאלְט פוּן אַייךְ; אַז אַייעֶר מַאן אִיז וואוֹיל צוּ אַייךְ זֶענְט אִיר אַ גֶעוואוּנֶער, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אֵיינְמָאל עֶס וֶועט אַייךְ נִישְׁט אָנְגֵיין וֶועט מֶען אַייךְ נִישְׁט רוּפְן מֶער מִיט דֶעם טִיטְל וְכוּ'.

אִיר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו אַז דָאס מֶערְסְטֶע וָואס אַייעֶר מַאן קֶען טוּן אִיז נָאר אִיגְנָארִירְן, אוּן אִיר פוּן אַייעֶר זַייט קֶען נָאר טוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אַייךְ הֶעלְפְן; עֶס בְּלַייבְּט אַייךְ אָבֶּער אוֹיךְ אִיבֶּער אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ צוּ טוּן, דָאס אִיז: "דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דָאס גוּטְס פוּן אַייעֶר לֶעבְּן אוּן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ". אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין גְזֵירָה וָואס אִיר דַארְפְט מְקַבֵּל זַיין, אִיר דַארְפְט מְקַבֵּל זַיין דִי טוֹבוֹת אוּן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אַייךְ -

בְּאַהֲבָה; וויפִיל פְּרוּיעֶן וואלְטְן זִיךְ גֶעוָואלְט טוּישְׁן מִיט אַייעֶר גְזֵירָה פוּן הָאבְּן אַ גֶעטְרֵייעֶ מַאן וָואס הֶעלְפְט אוּן אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן?! וָואס הָאט מֶען פוּן זַיין חָשׁוּב בַּיי דִי מִשְׁפָּחָה? וָואס אִיז דָאס מַעֲלָה אוּן וָואס אִיז דָאס מוֹרִיד?

הֵייבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס אִיר הָאט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט אַייךְ נָאךְ גוּטְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעבּ אִים גוּטְס אוּן דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט', אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין זַיין לֶעבְּן אוּן דָאךְ אִיז עֶר אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט', אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע לֶעבְּן".

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט מוֹהֲרָא"שׁ דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים עִם פֵּירוּשׁ תְּהִלּוֹת נָתָן, קַאפִּיטְל קלו): "הוֹדוּ לַה'" דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי טוֹב", לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין גוּטְס, "כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ", - וֶועט עֶר מַאכְן נָאךְ גוּטְס אוֹיף אֵייבִּיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶר וֶועגְן.

...

### וויפִיל גֶעלְט מֶעג מֶען אוֹיסְגֶעבְּן בַּיי אַ שִׂמְחָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

כְּלַל יִשְׂרָאֵל שְׁטוּרֶעמְט אוּן הָאט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי הִתְעוֹרְרוּת צוּ שְׁפָּארְן גֶעלְט בַּיי שִׂמְחוֹת, וויפִיל צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלַארְן וֶוערְן פַארְשְׁוֶועְנְדֶעט בַּיי חֲתוּנוֹת, וָואס פֶעלְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז בַּיי קְלֶענֶערֶע שִׂמְחוֹת, לְמָשָׁל בַּיי אַ וַואךְ נַאכְט אָדֶער קִידּוּשׁ, מֶעג

מֶען צוּשְׁטֶעלְן אַ נָארְמַאלֶע שִׂמְחָה פַאר אַפָּאר הוּנְדֶערְט דָאלֶער, אַז דִי אִידְן וָואס קוּמֶען אַרִיבֶּער וואוּנְטְשְׁן מַזָּל טוֹב, זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן?

אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן אֵיינֶעם וָויל זִיךְ אוֹיפְרַייסְן אוּן פַארְשְׁוֶועְנְדְן טוֹיזְנְטֶער דָאלַארְן פַאר כְּבוֹד הַמְדֻמֶּה, אִיךְ רֶעד פְּשׁוּט פוּן אַ שֵׁיינֶע נָארְמַאלֶע שִׂמְחָה וָואס קָאסְט אַפָּאר הוּנְדֶערְט דָאלֶער.

אִיךְ פְרֶעג וַוייל אִין מַיין גֶעגְנְט אִיז דָא אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר שְׁטִיבְּל, אוּן וֶוען אִיךְ גֵיי אַהִין צוּ שִׂמְחוֹת, זָאגְט מֶען מִיר אַז אַ קִידּוּשׁ טָאר נִישְׁט קָאסְטְן מֶער וִוי פוּפְצִיג אָדֶער הוּנְדֶערְט דָאלֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

מוֹהֲרַאַ"שׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אָן אַ שִׁיעוּר אִיבֶּער דֶעם אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר שִׂמְחוֹת וֶוען עֶס פֶּעלְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס. אֲפִילוּ דִי וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשָׁאנְקֶען מִיט גֶעלְט - טָארְן אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְשְׁפֶּענְדְן גֶעלְט פַאר טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, אָפְּגֶערֶעדְט דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט טָאר נִישְׁט בָּארְגְן גֶעלְט פַאר אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וָואס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס. אוּן דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ צוּ מַאכְן פָּשׁוּטְ'עֶ שִׂמְחוֹת אָן קַיין מוֹתָרוֹת וְכוּ' אַזוֹי וִוי אַ אִידִישֶׁע שִׂמְחָה דַארְף אוֹיסְקוּקְן; מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, פוּל מִיט דַאנְק אוּן לוֹיבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִי שִׂמְחָה אִיז אַ גַאנְצֶע שִׂמְחָה.

וֶוען מֶען מַאכְט אַ שִׂמְחָה דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ מַאכְן פוּן עִיקָּר טָפֵל אוּן פוּן טָפֵל עִיקָּר, דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וַוייטֶער.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ בִּירוּר הַמְדַמֶּה, דוּ וֶועסְט וִויסְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ

טוּן. מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים אַז וֶוער עֶס הָאט גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ שְׁטַארְקֶע יִשּׁוּב הַדַּעַת אִין יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן. עֶס קֶען זַיין אֲפִילוּ פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אוֹיב מֶען נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ בַּאקוּמְט מֶען אַ סָארְט שֵׂכֶל וָואס מֶען גֶעפִינְט נִישְׁט בַּיי גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## נִישְׁט בֶּעטְן קַיין גֶעלְט בַּיים מַדְרִיךְ זַיין חֲתָנִים וְכַלּוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, י"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אַז אִיר ווילְט גֶעבְּן חָתָן הַדְרָכָה פַאר אַייעֶר זוּן הֶחָתָן נֵרוֹ יָאִיר, וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - קֶענְט אִיר זִיךְ וֶוענְדְן צוּם מַגִּיד שִׁיעוּר הָאַבְרֵךְ מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל נֵרוֹ יָאִיר, מַגִּיד שִׁיעוּר אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם; עֶר לֶערְנְט מִיט אוּנְזֶערֶע חֲתָנִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר לֶערְנְט פִּינְקְטְלִיךְ וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט צוּ לֶערְנֶען, אָן צוּלֵייגְן אוּן אָן אַרָאפְּנֶעמֶען.

בְּנוֹגֵעַ בַּאצָאלְן וְכוּ'; מוֹהֲרָא"ש הָאט אֲוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט מֶען זָאל נִישְׁט בֶּעטְן קַיין גֶעלְט בַּיים מַדְרִיךְ זַיין חֲתָנִים וְכַלּוֹת, דֶערִיבֶּער בֶּעט עֶר נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן; עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ גֶעבְּן עֶפֶּעס, וַוייזְן אַז מֶען אִיז מַכִּיר אִין דִי אַרְבֶּעט וָואס עֶר טוּט.

גֵייט צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנוֹת, מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה - וֶועט אִיר שְׁפִּירְן בַּיי דִי שִׂמְחָה אַ שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה מִיט אַ הֶעכֶערְקֵייט; נָאר אַז מֶען דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט - קֶען מֶען נֶעמֶען דִי שִׂמְחָה אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף, אַז נִישְׁט - דַארְף מֶען זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען מִיטְן בִּיטֶערְן טְרָאפּ; גֵייט קוּקְן וִוי אַזוֹי מְחוּתָּנִים זֶענֶען בַּיי זֵייעֶרֶע קִינְדֶער'ס חֲתוּנוֹת, אַלֶע זֶענֶען אָנְגֶעטְרִינְקֶען פוּן גְרוֹיס צַעַר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
...

**פַארְוָואס הָאט דִי כַּלָה זִיךְ צֶעבְּרָאכְן דִי פוּס פַאר דִי חֲתוּנָה?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן גֵיי צוּ דִי שִׂמְחָה מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה; אַז דַיין טָאכְטֶער דִי כַּלָה הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן דִי פוּס זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (נִדָּה לא.): "שְׁנֵי בְּנֵי אָדָם שֶׁיָּצְאוּ לִסְחוֹרָה", צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַיינְגֶעקוֹיפְט סְחוֹרָה דָאס צוּ פַארְקוֹיפְן אִין אַ צְוֵוייטֶע מְדִינָה, "יָשַׁב לוֹ קוֹץ לְאַחַד מֵהֶן", גֵייעֶנְדִיג צוּם שִׁיף הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן זֵיי צֶעבְּרָאכְן דִי פִיס אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין צוּם שִׁיף, דִי שִׁיף אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן מִיטְן אַנְדֶערְן שׁוּתָּף, מִיטְנֶעמֶענְדִיג אַלֶע סְחוֹרָה, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְן צֶעבְּרָאכֶענֶעם פוּס אִיז אוּנְטֶערְגֶעבְּלִיבְּן, "הִתְחִיל מְחָרֵף וּמְגַדֵּף", הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לְיָמִים שָׁמַע שֶׁטָּבְעָה סְפִינָתוֹ שֶׁל חֲבֵירוֹ בַּיָּם הִתְחִיל מוֹדֶה וּמְשַׁבֵּחַ", נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז דִי שִׁיף אִיז אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין וַואסֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן מִיט דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (יְשַׁעְיָה יב, א): "אוֹדְךָ ה' כִּי אָנַפְתָּ בִּי", אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט גֶעצֶערְנְט אוֹיף מִיר אוּן מִיר צֶעבְּרָאכְן מַיין פִיס, "יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְ'נַחֲמֵנִ'י", וַוייל אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן וֶוערְן דֶערְטְרָאנְקֶען; אִין דֶעם פָּסוּק אִיז מְרוּמָז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, אֲפִילוּ וָואס עֶס זֶעט אוֹיס וִוי שְׁלֶעכְטְס.

רוֹב מַעֲשִׂיּוֹת עֶנְדִיגְן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי, רוֹב מַעֲשִׂיּוֹת עֶנְדִיגְן זִיךְ אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל הֶערְן אַז דֶער שִׁיף אִיז אַיינְגֶעזִינְקֶען, מֶען בְּלַייבְּט מִיט דִי

צֶעבְּרָאכֶענֶע פִּיס, מֶען בְּלַייבְּט מִיטְן פַארְשְׁפֶּעטִיגְן דִי שִׁיף; טַאקֶע דֶערְפַאר זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צֶעבְּרָאכְן, זֵיי פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה, זֵיי הָאבְּן קַשְׁיוֹת, אָבֶער אַז מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אוֹיסְפִּיר, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן דִי פִּיס, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס מֶען הָאט פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דִי שִׁיף, פַארְוָואס מֶען הָאט פַארְלוֹירְן דִי גֶעשֶׁעפְטְן; מֶען בְּלַייבְּט גֶעטְרֵיי.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעדַארְפְט כַאפְּן אַ פְלִיגֶער צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין קִינְד, לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר פַארְפַּאסְט דִי פְלִיגֶער אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין בַּיי דִי חֲתוּנָה, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים אַרַיינְלָאזְן אָבֶער דִי מַאנְשַׁאפְט הָאבְּן גֶעזָאגְט מֶען לָאזְט מֶער נִישְׁט אַרַיין. דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט, דִי וַוייבּ הָאט גֶעוֵויינְט, אַלֶע הָאבְּן גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּארוּאִיגְן, בִּיז עֶר טְרֶעפְט אַ אִיד, אוּן יֶענֶער פְרֶעגְט אִים: "וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי בְּעַצְבוּת?" דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אִים וִוי עֶר הָאט גֶעדַארְפְט כַאפְּן אַ פְלִיגֶער אָנְצוּקוּמֶען צוּ זַיין קִינְד'ס חֲתוּנָה אוּן עֶר הָאט דָאס פַארְפַּאסְט מִיט אַפָּאר סֶעקוּנְדֶעס, פְרֶעגְט אִים דֶער אִיד: "אוֹיבּ וָואלְסְטוּ גֶעהֶערְט אַז דִי פְלִיגֶער הָאט גֶעקְרַאכְט אוּן אַלֶע פַּאסַאנְזְשִׁירְן זֶענֶען גֶע'הַרְגְ'עֶט גֶעוָוארְן, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן?" זָאגְט עֶר: "וָואס הֵייסְט וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן? אִיךְ וָואלְט גֶעטַאנְצְן אִין גַאס אוּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדַת הוֹדָאָה, אוּן אִיךְ וָואלְט דֶערְצֵיילְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דִי נִיסִים אוּן חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר, וִוי עֶר הָאט מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט"; זָאגְט אִים דֶער אִיד: "קוּמְט אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף גֵיין הַרְגְ'עֶנֶען אַ גַאנְצֶע פְלִיגֶער מִיט אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן אַז דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן נָאר דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ אִים דַאנְקֶען, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַאטֶעוֶועט יֶעדְן אֵיינֶעם אִיז דִיר נִישְׁט גוּט?!"

עֶס לִיגְט אִין דֶעם זֵייעֶר אַ טִיפֶע גֶעדַאנְק, מֶען דַארְף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען זֶעט נִישְׁט אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן דוּ וֶועסְט

פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין טָאכְטֶער, דוּ וֶועסְט טַאנְצְן און שְׁפְּרִינְגֶען - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דִי בֶּעטְלֶערְס וֶועלְן קוּמֶען צוּ דִיר אוֹיף דִי חֲתוּנָה, אוֹיךְ דֶער בֶּעטְלֶער אָן דִי פִּיס.

...

דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן שְׁמֵייכְלֶען, וֶועט זִי וֶוערְן גֶעזוּנְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ה' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְּן אַז אִיר הָאט שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט און יֶעצְט אִיז שׁוֹין דָא גוּטֶע נֵייעֶס, אִיר וַוארְט אַ שִׂמְחָה - זָאלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וִויפִּיל וַוארְטְן אוֹיף אַ שִׁידוּךְ און וִויפִּיל וַוארְטְן צוּ גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער; בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאר צוּ דַאנְקֶען.

עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט עֶר צוּ זִיךְ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי יְשַׁעְיָ' מִקֶערֶעסְטִיר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים און גֶעוֵויינְט אַז זַיין טָאכְטֶער אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק, אַלֶע דָאקְטוֹירִים הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן; דֶער אִיד הָאט גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט טְרֵייסְטְן. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַז דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן צוּ וֵויינֶען מִיט אַזֶעלְכֶע בְּכִיּוֹת, דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן שְׁמֵייכְלֶען - וֶועט זִי וֶוערְן גֶעזוּנְט"; וְכַךְ הֲוָה, זִי אִיז גֶעוָוארְן גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, וַוייל שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

אַייעֶר מַאן אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַייךְ, עֶר שְׁרַייבְּט מִיר כְּסֵדֶר וִוי גוּט עֶס אִיז אִים, עֶר דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג און נַאכְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג בַּיי אַייךְ.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר אִין דִי סֶדְרָה דִי פַּרְשָׁה פוּן בִּכּוּרִים, דִי מִצְוָה פוּן "הַכָּרַת הַטּוֹב", צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים זָאגְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן: "יִישַׁר כֹּחַ!" "יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין כְּפוּי טוֹבָה".

וְ׳אָמַרְתָּ לִ׳פְנֵי י״ אֱ׳לֹקֶיךָ (דְּבָרִים כו, יג); אִיךְ זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מַיין גַאנְצֶע עָבָר פוּן וואוּ אִיךְ קוּם, וָואס בִּין אִיךְ דֶען פַאר מִיר אַלֵיין אָן דֶעם צַדִּיק? אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ אִיז נָאר חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אוּנְז אוּן פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר נִיכְטֶע וְכוּ׳; עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פוּן זִיךְ אָנְטוּן "נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג", נָאכְדֶעם אִיז דָא אַן עֶרְגֶערֶע וֶועג, וָואס דָאס אִיז "פְּרִיצוּת׳דִיג"; אוֹיבּ גֵייט זִי אָנְגֶעטוּן "פְּרִיצוּת׳דִיג", דַאן קֶען זִי נִישְׁט אַיינְשְׁטֵיין בַּיי עֶנְק, אָבֶּער אַז זִי גֵייט "נִישְׁט אַזוֹי צְנִיעוּת׳דִיג" דֶעמָאלְט אִיז כְּדַאי אִיר צוּ מְקָרֵב זַיין, דוּרְכְדֶעם וֶועט זִי צוּבִּיסְלֶעךְ שְׁטַייטֶעלֶעךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִי וֶועג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גוּט שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער חַבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר.

אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, עֶס אִיז בַּיי דִיר פְּרִישׁ אוּן נֵיי; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין"; דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן, אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיס יֶעדְן טָאג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'וִוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶענֶען פַאר אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְוְוּיסְט פוּן רֶבִּי"ן', מֶען גֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע וִוי אַזוֹי מֶען הָאט גֶעלֶעבְּט פַאר מִיר הָאבְּן זִיךְ דֶערְוְוּיסְט פוּן רֶבִּי"ן אוּן וָואס מֶען טוּט יֶעצְט אַז מֶען הָאט דֶעם רֶבִּי"ן - בְּלַייבְּט דִי הִתְקַרְבוּת שְׁטֶענְדִיג פְּרִישׁ.

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר דִי פַּרְשָׁה פוּן בִּכּוּרִים, דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כו, יא): "וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב", זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטְס, "אֲשֶׁ"ר נָתַ"ן", דָא אִיז מְרוּמָז מוֹהֲרַא"שׁ מִיט רֶבִּי נָתָן, "לְ'ךָ יְ' אֱ'לֹקֶיךָ וּ'לְבֵיתֶךָ" - דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטְס וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען, אַזַא רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ.

פוּן דַיין חָבֵר וָואס הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אוּן בֶּענְקְט זִיךְ זֵייעֶר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**פַארְוָואס אִיז זֹאת חֲנוּכָּה דִי גְמַר פוּן אַלֶע תִּיקוּנִים?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט נַאכְט אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, הַיינְט נַאכְט אִיז זֹאת חֲנוּכָּה; עֶס שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אַז זֹאת חֲנוּכָּה אִיז דִי גְמַר פוּן אַלֶע תִּיקוּנִים. אַלֶע תְּפִלּוֹת אוּן אַלֶע מִצְוֹת פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, סְלִיחוֹת, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה, יוֹם הַקָּדוֹשׁ, סוּכּוֹת, הוֹשַׁעְנָא רַבָּא, שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה; וֶוען עֶס קוּמְט זֹאת חֲנוּכָּה - דֶעמָאלְט וֶוערְט דִי גְמַר פוּן אַלֶע תִּיקוּנִים.

וָואס אִיז טַאקֶע דִי זַאךְ אַז זֹאת חֲנוּכָּה אִיז דִי גְמַר פוּן אַלֶע תִּיקוּנִים? אוּלַי אֶפְשָׁר לוֹמַר, גַאנְץ אֱלוּל אוּן תִּשְׁרֵי אִיז מֶען עוֹסֵק בְּעִיקָּר אִין תְּפִלָּה וּבַקָּשָׁה, מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תְּפִלָּה אָן הוֹדָאָה אִיז נִישְׁט

קֵיין שְׁלֵימוּת, יֶעצְט סוֹף חֲנוּכָּה נָאךְ אַ גַאנְצֶע וָואךְ חֲנוּכָּה, אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט דִי גְמַר פוּן אַלֶע תִּיקוּנִים; וַוייל וֶוען מֶען הָאט בֵּיידֶע זַאכְן, סֵיי תְּפִלּוֹת אוּן סֵיי תּוֹדָה וְהוֹדָאָה - דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, וֶוען מֶען בֶּעט אוּן מֶען לוֹיבְּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּט מֶען אִין גַן עֵדֶן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ז נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

צוּם אַלְעם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי בֶּעטְן אוּן קָאוּטְשׁ וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשָׁאנְקֶען אַ מַתָּנָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בַּאצָאלְן בְּכִפְלֵי כִּפְלַיִם.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; שְׁטַארְקְט אַייךְ צוּזַאמֶען מִיט דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט עֶנְק. מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ טַאנְצְן יֶעדְן טָאג אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה נִיגוּנִים פוּן הוֹדָאָה, וִוי צוּם בֵּיישְׁפִּיל: ״טוֹב ה׳ לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו״, אָדֶער: ״יוֹדוּ לַה׳ חַסְדּוֹ״, אָדֶער: ״הַכֹּל יוֹדוּךְ״; נִיגוּנִים וָואס שְׁרֵייעֶן אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, לֶעבְּט עֶר שׁוֹין יֶעצְט אוֹיף דִי וֶועלְט אִין ״גַן עֵדֶן״, אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ב): ״וִימֵי הוֹדָאָה זֶה בְּחִינַת שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא״, וֶוער עֶס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁפִּירְט דֶעם עוֹלָם הַבָּא, ״כִּי כָּל מַה שֶׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר״, וַוייל וִוי מֶער מֶען אַנֶערְקֶענְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, ״סְמוּכִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר״, אַלְץ נֶענְטֶער אִיז מֶען צוּ אִים.

אִיךְ וִויל אַז דַיין מִצְוָה אִין שְׁטֶעטְל זָאל זַיין הַכְנָסַת אוֹרְחִים; יֶעדְן שַׁבָּת זָאלְסְטוּ קוּקְן אִין שׁוּל אוֹיבּ עֶס אִיז דָא גֶעסְט אוּן זֵיי מְסַדֵּר זַיין בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ עֶסְן, בִּפְרַט דִי בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען מִזְּמַן

לִזְמַן זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ עֶסְן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער.

...

### אַ מְלַמֵּד טְרַאכְט בַּיי זִיךְ, וֶוער דַארְף מִיךְ?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער בַּאלִיבְּטֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג ווִי חָשׁוּב אַ מְלַמֵּד אִיז אִין הִימְל, אַ מְלַמֵּד טְרַאכְט בַּיי זִיךְ ׳וָואס? וֶוער דַארְף מִיךְ? וֶוער וֵוייסְט ווִי שְׁוֶוער אִיךְ אַרְבֶּעט?׳ אָבֶּער וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוואוּסְט ווִי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף אִים אִין הִימְל - וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן, נָאר מְשׁוּנֶּה פְרֵיילִיךְ.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, גֵיי יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי שְׁפַּאצִירְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; הוֹיבּ אָן מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְק פַאר דַיין לֶעבְּן, פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, פַאר דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אוּן בֶּעט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן דַיינֶע תַּלְמִידִים.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

### מֶען דַארְף אַסַאךְ שְׁמֵייכְלֶען, אוּן גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ מוּז דִיר גֶעבְּן אַ גְרוּס פוּן דַיין בָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר לֶערְנְט פְלֵייסִיג אוּן עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ זֶע אִין אִים נָאר גוּטְס, עֶס אִיז אַ מְחַיֶּה אִים צוּ זֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

וַוייז אִים דֶער בְּרִיווּ, אוּן וֶוען אִיךְ זָאג דִיר אַ גוּט וָוארְט אוֹיף אִים - אִיז וִויכְטִיג זָאלְסְט אִים דָאס אִיבֶּערְזָאגְן. וַוייל מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט בְּשֵׁם צַדִּיקִים, אַז הַיינְטִיגֶע טֶעג, פַאר מָשִׁיחַ קוּמְט, גֵייט אָן נָאר דֶער יְמִין מְקָרֶבֶת, דִי שְׂמֹאל דּוֹחֶה אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ הַיינְט; מֶען דַארְף אַסַאךְ שְׁמֵייכְלֶען, אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער - צוּ קֶענֶען דֶערְמִינְטֶערְן דִי בַּת מֶלֶךְ אוּן אִיר אוֹיסְהֵיילְן.

הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אִינְדְרוֹיסְן אִין פֶעלְד, מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה.

...

**די דְרֵיי חֲלָקִים פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דַאנְקֶען, אִיבֶּערְבֶּעטְן, בֶּעטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע מֵיידְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אִיר מְגַדֵּל זַיין לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ.

גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת אַבִּיסְל צוּ שְׁפַּאצִירְן אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ. דוּ הָאסְט דָאךְ אַ שֵׁיינֶע פֶעלְד אַרוּם דַיין הוֹיז, זָאלְסְטוּ גֵיין שְׁפַּאצִירְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

טֵייל אֵיין דִי הִתְבּוֹדְדוּת אִין דְרֵיי: דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, הוֹיבּ אָן מִיט דַאנְקֶען; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר אוּן מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, דַאנְק אִים פַארְן דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

צְוֵוייטְנְ'ס, תְּשׁוּבָה; בֶּעט אִיבֶּער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, טוּ תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אוּן וָואס דוּ טוּסְט אוּן הָאבּ חֲרָטָה, זָאג פַארְן בַּאשֶׁעפֶער אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט טוּן דִי זַאכְן.

דְרִיטְנְ'ס, בַּקָּשָׁה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל.

דִי פָּאר מִינוּט וָואס דוּ שְׁפַּאצִירְסְט אַזוֹי אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ אָפְּלָאזְן דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן אַלֶעס אַרוּם; יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס אִיךְ שְׁטֶעל אַלֶעס אָפּ.

מִיר פָּארְן שׁוֹין כִּמְעַט צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּטֶע יָאר, לָנוּ וּלְכָל יִשְׂרָאֵל, אָמֵן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### זָאג "יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס" אָן אַ שִׁיעוּר מָאל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ט סִיוָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ר' ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב פַאר דִי שִׂמְחָה בַּיי דִיר, יָארְן לַאנְג הָאסְטוּ גֶעוַואַרְט אוֹיף קִינְדֶער אוּן יֶעצְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר גֶעגֶעבְּן אַ בֵּן זָכָר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אִים צוּ מְגַדֵּל זַיין לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

יֶעצְט בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אַז דוּ הָאסְט אַ בֵּן זָכָר אוּן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים. דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען דִי הִימְלֶען, עֶס וֶועט קוּמֶען נָאךְ חֲסָדִים.

דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בְּרֶענְגְט אַלֶעס גוּטְס; אִין אָנְהוֹיבּ אִיז נִישְׁט גְרִינְג דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין אָנְהוֹיבּ זָאלְסְט זָאגְן אֲפִילוּ בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער: "**יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס**", דָאס זָאלְסְטוּ זָאגְן טָאג אוּן נַאכְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, דָאס וֶועט דִיר גְרִינְגֶער מַאכְן דָאס רֶעדְן, צוּבִּיסְלִיךְ וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיסְרֶעכֶענֶען אַלֶעס אוּן דַאנְקֶען אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט.

...

### וִוי אַזוֹי מֶעג מֶען זָאגְן: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן, וִוי אַזוֹי מֶעג מֶען זָאגְן: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"? יְיַשֵׁר

כֹּחַ מֵיינְט אַז מֶען וואוּנְטְשְׁט יֶענֶעם עֶר זָאל בַּאקוּמֶען כֹּחַ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דֶען דַיין כֹּחַ? אַזוֹי פְרֶעגְן מִיר מֶענְטְשְׁן.

עֶרְשְׁטְנְ׳ס "שְׁכֹּחַ" אִיז אַ דַאנְק וָוארְט; וֶוען מֶען זָאגְט פַּאר אַ צְוֵוייטְן "שְׁכֹּחַ" - מֵיינְט דָאס "אִיךְ דַאנְק דִיר"; קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט יֶעצְט פוּנֶעם דִקְדוּק: "יְיַשֶּׁר כֹּחַ" - עֶס זָאל גֶעשְׁטַארְקְט וֶוערְן דַיין כֹּחַ; עֶס אִיז אַ וָוארְט פוּן דַאנְקֶען.

צְוֵוייטְנְ׳ס, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת בֹּא, דַף מ ע"ב) וֶוען מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶערְקֶער אוּן גְרֶעסֶער; וִוי מֶער מֶען לוֹיבְּט אִים אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט - "כְּדֵין אִתּוֹסַף לֵיהּ חֵילָא וּגְבוּרְתָּא לְעֵילָא", וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶערְקֶער אוּן גְרֶעסֶער, "וְיִשְׂרָאֵל בְּהַהוּא סִפּוּרָא יַהֲבֵי חֵילָא לְמָארֵיהוֹן", וֶוען אִידְן דֶערְצֵיילְן דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - גֶעבְּן זֵיי כֹּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כְּמַלְכָּא", אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג, "דְאִתּוֹסָף חֵילָא וּגְבוּרְתָּא", וָואס וֶוערְט שְׁטֶערְקֶער אוּן גְרֶעסֶער, "כַּד מְשַׁבְּחִין גְּבוּרְתֵּיהּ", וֶוען מֶען לוֹיבְּט זַיינֶע שְׁטַארְקֶע מַעֲשִׂים, "וְאוֹדָן לֵיהּ", אוּן מֶען לוֹיבְּט אִים, "וְכֻלְּהוּ דַּחֲלִין מִקַּמֵּיהּ", אַלֶע בַּאקוּמֶען אַ שְׁרֶעק פוּן אִים, "וְאִסְתַּלַּק יְקָרֵיהּ עַל כֻּלְּהוּ", אוּן אַלֶע גֶעבְּן אִים כָּבוֹד.

דַיין מוֹיל זָאל נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אוּן דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען וֶועט נִישְׁט צוּנֶעמֶען אַייעֶרֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא; מֶען וֶועט נִישְׁט צוּנֶעמֶען אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

אִיר זָאלְט זָאגְן דֶעם אֶמֶת פַארְן שׁוֹפֵט, וָואס דִי קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן; זֵיי

וֶועלְן דָאס חוֹקֵר וְדוֹרֵשׁ זַיין, אוֹיב עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַז דֶער טְשֶׁעפֶּעט די קִינְדֶער וֶועלְן די קִינְדֶער מֶער נִישְׁט גֵיין צוּ אִים, און אוֹיב עֶס וֶועט זִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן אַז עֶר טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט די קִינְדֶער וֶועט עֶר יָא קֶענֶען זֶען די קִינְדֶער, אָבֶער אִיר דַארְפְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַז מֶען וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען די קִינְדֶער פוּן אַייךְ.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, זַייט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מח): די וֶועלְט אִיז וִוי אַ שְׁמָאלֶע בְּרִיק, "וְהַכְּלָל וְהָעִקָּר הוּא לֹא לְהִתְפַּחֵד", דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיסְפִירְן צוּם גוּטְן.

מִיר גֶעפִינֶען, וֶוען די אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט שִׁירָה און מִרְיָם הַנְּבִיאָה הָאט גֶענוּמֶען אַ פּוֹיק (דְרָאם) און אַלֶע פְרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעפּוֹיקְט מִיט פּוֹיקְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת טו, כ): "וַתִּקַּח מִרְיָם הַנְּבִיאָה אֲחוֹת אַהֲרֹן אֶת הַתֹּף בְּיָדָהּ וַתֵּצֶאןָ כָל הַנָּשִׁים אַחֲרֶיהָ בְּתֻפִּים וּבִמְחֹלֹת"; פוּן וואוּ הָאבְּן די פְרוֹיעֶן גֶעהַאט פּוֹיקְן? אִין מִדְבָּר אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעשֶׁעפְטְן וואוּ מֶען קֶען קוֹיפְן פּוֹיקְן, ווי אַזוֹי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זֵיי פּוֹיקְן? זָאגְט רַשִׁ"י אַז די עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה זֶענֶען גֶעוֶוען זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מַאכְן נָאךְ גְרוֹיסֶע נִיסִים, הָאבְּן זֵיי מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ פוּן מִצְרַיִם מוּזִיקַאלִישֶׁע אִינְסְטְרוּמֶענְטְן צוּ קֶענֶען לוֹיבְּן און דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גְרֵייט אַייךְ צוּ כְּלֵי זֶמֶר צוּ קֶענֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף די נִיסִים וָואס עֶר גֵייט מַאכְן מִיט אַייךְ.

...

## דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר צֶען זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, מ"ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זוֹכֶה אוֹיף צֶען זַאכְן וָואס עֶס אִיז אַייךְ גוּט, צֶען גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִיךְ זֶע, אִיךְ הֶער, אִיךְ הָאבּ פִּיס, הֶענְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן דַאנְקְט אִים פַּאר דִי צֶען זַאכְן: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זֶע, שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הֶער, שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ הֶענְט אוּן פִּיס וְכוּ' וְכוּ'"; אַז אִיר וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַּאר דִי צֶען זַאכְן, וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, אִיר וֶועט אָנְהוֹיבְּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייעֶר פַּארְמַאכְטְקֵייט, אִיר וֶועט אַלֵיין זֶען אוּן אַלֵיין שְׁפִּירְן וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיט אַייךְ, אִיר וֶועט מֶער נִישְׁט דַארְפְן גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דִי עֵצָה, אִיר וֶועט וֶוערְן נֵיי גֶעבּוֹירְן.

דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי עֵצָה צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי טוֹיטְקֵייט. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קטו, יז-יח): "לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ קָהּ", אַז מֶען דַאנְקְט נִישְׁט - שְׁפִּירְט מֶען טַעַם טוֹיט, "וַאֲנַחְנוּ נְבָרֵךְ קָהּ", אָבֶּער אַז מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הוֹיבְּט מֶען אָן לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זָאגְן יֶעדְן טָאג "נִשְׁמַת", אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְסְטָאג וָואס גֶעפַאלְט דֶעם שַׁבָּת, ג' אִיָּר, זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעזוּנְטֶע לַאנְגֶע יָארְן מִיט אַלֶעס גוּטְס.

נֶעמְט זִיךְ פָאר לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְסְטָאג צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג "נִשְׁמַת"; לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט אַייךְ, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן טַעַם גַּן עֵדֶן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "כִּי זֶה עִקַּר שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לִשְׁמוֹ הַגָּדוֹל יִתְבָּרַךְ וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ", דִי תַּעֲנוּג

פוּן עוֹלָם הַבָּא אִיז צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים לוֹיבְּן, וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס, "שֶׁעַל יְדֵי זֶה סְמוּכִים וּקְרוֹבִים אֵלָיו יִתְבָּרֵךְ", ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים, "כִּי כָּל מַה שֶּׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרֵךְ בְּיוֹתֵר", וַוייל ווִי מֶער מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז בְּלוֹיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין - "סְמוּכִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר", אִיז מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זִיךְ קֵיינְמָאל אַרַיינְמִישְׁן אִין יֶענֶעמְ'ס גֶעשֶׁעפְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, כ"ט שׁוֹבָבִי"ם, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

מָרַת ... תְּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

נֶעמְט דֶעם כְּלָל אִין לֶעבְּן: זִיךְ קֵיינְמָאל אַרַיינְמִישְׁן אִין יֶענֶעמְ'ס גֶעשֶׁעפְטְן, נִישְׁט בַּיי בְּרִידֶער אוּן נִישְׁט בַּיי שְׁוֶועסְטֶער; אַז אַייעֶר בְּרוּדֶער גְרֵייט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע - הָאט דָאס נִישְׁט מִיט אַייךְ, שְׁטֵייט פוּן דֶער זַייט, מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין, וַוייל מֶען וֶועט נָאר הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף אַייךְ אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן אַ רִיס אִין דִי פַאמִילְיֶע.

סַיידְן אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט אַייךְ אַייעֶר מֵיינוּנְג, דֶעמָאלְט קֶענְט אִיר זָאגְן אַייעֶר מֵיינוּנְג, אָבֶּער ווִי לַאנְג מֶען פְרֶעגְט אַייךְ נִישְׁט - זָאלְט אִיר שְׁטֵיין פוּן דֶער זַייט.

אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן צַעַר - זָאלְט אִיר זֵיי אוֹיסְהֶערְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מִישְׁן קַיין קַאשֶׁע. הֶעצְט נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף דִי בְּרִידֶער, הֶערְט אוֹיס אַייעֶר מַאמֶע אוּן זַייט אִיר מְחַזֵּק מִיט אֱמוּנָה, זַייט אַייךְ מְחַזֵּק מִיט תְּפִלָּה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס זָאל זַיין גוּט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

פַארְגֶעסְט נִישְׁט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אוּן נַאכְט פַאר אַייעֶר מִשְׁפָּחָה. דֶער קָאפּ וֶוערְט פַארְדְרֵייט מִיט דָאס אוּן יֶענְץ, אוּן מֶען פַארְגֶעסְט

צוּ זָאגְן "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" פַאר וָואס מֶען הָאט; טָאג אוּן נַאכְט זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר וָואס אִיר הָאט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בָּנַי

### אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה׳ גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

דָא שְׁרַייבְּט צוּ אַייךְ דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם בְּרִיוו מִיטְן קֶעפְּל "מִיר ווילְן הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער" [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו].

עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַבִּיסְל מֶער פוּן אַ חוֹדֶשׁ זַייט אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן מִיט מַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ דֶעם דָאזִיגְן בְּרִיוו, אִין אִיר הָאט מִיר וַוארֶעם מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן מִיר גֶעשְׁרִיבְּן: "הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין קִינְד, וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע נִסִּים. אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן". דֶעריבֶּער שְׁפִּיר אִיךְ יֶעצְט אַ חוֹב וֶוען אִיךְ הָאבּ אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן אַ גְלִיקְלִיךְ הַארְץ אַייךְ מְבַשֵּׂר צוּ זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה וָואס אִיר וַוארְט צוּ הֶערְן...

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי בְּרִיוו, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיף אַלֶע חִיזּוּק, הַדְרָכוֹת אוּן עֵצוֹת.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי מִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז עֶס אִיז דָא גוּטֶע נֵייעֶס בַּיי אַייךְ וְכוּ׳.

בַּיי דִיר אִיז מַמָּשׁ מְקוּיָּם גֶעוָוארְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט ווִי אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט אִים, זָאגְט עֶר פַאר דִי מַלְאָכִים: "קוּקְט אָן דֶעם אִיד, עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט מִיר,

אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס גוּטְס מֵיינְט״, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט וִוי אֵיינֶער הֶערְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אָפְּצוּרֶעדְן, זָאגְט עֶר: ״אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס שְׁלֶעכְטְס מֵיינְט״; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר. דַאנְק אִים אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דוּ הָאסְט אַ לִיכְטִיג קִינְד אוּן יֶעצְט וַוארְט אִיר שׁוֹין וְכוּ׳, אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט דִיר וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִיסִים.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אַז דוּ הָאסְט מִיר מְבַשֵּׂר גֶעוֶוען דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה; הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע צוּרִיק קוּמֶען פַארְצֵיילְן דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט זֵיי. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה קוּמֶען עֶר זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ אוּן בֶּעט עֵצוֹת, אָבֶער וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן פַארְגֶעסְט מֶען צוּ דֶערְצֵיילְן וְכוּ׳.

מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז מֶען רוּפְט אִים זָאגְן אַז מֶען אִיז אִין שְׁפִּיטָאל אוּן מֶען דַארְף אַ יְשׁוּעָה, דִי פְרוֹי אִיז אַ מְקַשָּׁה לֵילֵד, אָבֶער וֶוען זִי הָאט דָאס קִינְד רוּפְט מֶען נִישְׁט אָן זָאגְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אוּן עֶר זִיצְט אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן אִיז מִתְפַּלֵּל וְכוּ׳ בְּשָׁעַת דִי יְשׁוּעָה אִיז שׁוֹין דָא, דֶערְפַאר דַאנְק אִיךְ דִיר אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה.

אִיךְ וֶועל וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אַייךְ.

...

[דֶער בְּרִיוו אוֹיף וֶועלְכֶע דִי אוּבְנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**מִיר ווילְן הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק אוֹיף אַלֶע שֵׁיינֶע גֶעדַאנְקֶען וְכוּ', אִיךְ דֶערְקְוִויק זִיךְ מִיט אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעבֶּענְטְשְׁט אַ יָאר דֶערְנָאךְ מִיט אַ זִיס לִיכְטִיג בֶּן זָכָר, אָבֶער עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער מֶער פוּן צְוֵויי יָאר זַייט מַיין זוּן אִיז גֶעבּוֹירְן אוּן מִיר ווילְן זֵייעֶר שְׁטַארְק שׁוֹין הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער.

אִיךְ הָאב גֶערֶעדְט דֶערְוֶועגְן מִיט מַיין רָב וֶועמֶען אִיךְ פְרֶעג מַיינֶע שְׁאֵלוֹת, אוּן

עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מַיין וַוייב שֶׁתִּחְיֶ' זָאל גֵיין מַאכְן כָּל מִינֵי טֶעסְטְס, און בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען גוּטֶע רֶעזוּלְטַאטְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען בַּיי אִיר. אָבֶּער דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט דַארְף אִיךְ מַאכְן פַארְשִׁידֶענֶע טֶעסְטְס, וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי הַלָּכָה'דִיג אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, כְּדֵי בּוֹדֵק צוּ זַיין מַיין פְּרָאבְּלֶעם. לְמַעֲשֶׂה יֶעצְט זֶענֶען מִיר אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן און מִיר וַוארְטְן פַאר אַ יְשׁוּעָה בְּקָרוֹב, אָמֵן.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן; טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט אַ לֶיבְּטִיגֶע קִינְד, אַ גֶעזוּנְט קִינְד. וִויפִיל גֶעלְט וָואלְטְן מֶענְטְשְׁן גֶעצָאלְט צוּ הָאבְּן בִּכְלַל קִינְדֶער, און בִּפְרַט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. אִיר דַארְפְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר הָאט אַ לֶיבְּטִיג קִינְד; נֶעם אַרָאפּ דָאס וָוארְט "נָאר" - מִיר הָאבְּן "נָאר" אֵיין קִינְד, זָאג "מִיר הָאבְּן אַ קִינְד".

מַאךְ נִישְׁט קַיין שׁוּם טֶעסְט אוֹיף דִיר וְכוּ'; דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ (תְּהִלִּים קכח, ג): "אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ, בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ".

גֶעדֶענְק וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.): "שְׁלֹשָׁה מַפְתֵּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" דְרַיי שְׁלִיסְלֶען זֶענֶען נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיינְס פוּן דִי דְרַיי אִיז: "מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה", דִי שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער, וָואס דָאס אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים, יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לַעֲנִיִּים, וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ", וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער? עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה, און פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ; פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

זַיי זִיךְ מְחַזֵּק, און זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ; זָאג אִיר: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נָאךְ הֶעלְפְן, מִיר וֶועלְן הָאבְּן קִינְדֶער", און פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ

אוֹיף דַיין קִינְד וָואס דוּ הָאסְט; הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין קִינְד, וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן.

[...



## וָואס נָאךְ קֶענֶען מִיר טוּן אַז דִי יְשׁוּעָה זָאל קוּמֶען?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ח אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳

עֶנְק הָאבְּן שׁוֹין גֶעטוּן אַזוֹיפִיל סְגוּלוֹת צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, עֶנְק הָאבְּן שׁוֹין גֶעמַאכְט אַזוֹיפִיל גוּטֶע קַבָּלוֹת אוּן עֶנְק פְרֶעגְן ׳וָואס נָאךְ קֶענֶען מִיר טוּן אַז דִי יְשׁוּעָה זָאל קוּמֶען?׳

אֵיין סְגוּלָה בְּלַייבְּט עֶנְק אִיבֶּער, וָואס דָאס וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה, דִי סְגוּלָה פוּן "תּוֹדָה וְהוֹדָאָה", דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן.

בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם זָאלְן עֶנְק יֶעדְן טָאג אַוֶועקְגֶעבְּן אַבִּיסְל צַייט, אַפָּאר מִינוּט, אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט עֶנְק. רֶעכְנְט אוֹיס דִי חֲסָדִים אוּן לוֹיבְּט אִים אוֹיף דֶעם, זָאגְט: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, מַיין וַוייבּ אִיז גֶעזוּנְט", אוּן זִי זָאגְט: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, מַיין מַאן אִיז גֶעזוּנְט", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; דָאס עֶפְנְט אוֹיף דִי טוֹיעֶרְן פַאר נִיסִים גְלוּיִם.

...

## יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

נֶעמְט אַייךְ פָאר דִי גוּטֶע קַבָּלָה, יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אֵייגֶענֶע לוֹיב וֶוערְטֶער, אוּן אוֹיבּ אִיז אַייךְ גְרִינְגֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים - זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג "מִזְמוֹר לְתוֹדָה, כִּי טוֹב הַשֵּׁם לְעוֹלָם חַסְדּוֹ"; דָאס וֶועט עֶפֶענֶען דִי שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּענְטְשׁ אַייךְ אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא, אוּן זֶען פוּן זֵיי נַחַת דִקְדֻשָּׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ גוּטֶע וִויטַאמִין וָואס הֶעלְפְט הָאבְּן קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ב' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער.

עֶס אִיז דָא אַ גוּטֶע וִויטַאמִין וָואס הֶעלְפְט הָאבְּן קִינְדֶער, דִי וִויטַאמִין נֶעמְט מֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג; אִינְדֶערפְרִי, מִיטָאג אוּן פַארְנַאכְטְס; דִי וִויטַאמִין פוּן תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעדְן טָאג אִינְדֶערפְרִי זָאלְט אִיר זָאגְן: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ מַאכְסְט מִיט מִיר, שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דַיינֶע חֲסָדִים, שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ גֵייסְט מִיר אֵיין טָאג גֶעבְּן אַ זִיסֶע צוּקֶערְדִיגֶע בֶּעבִּי".

דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן עֶפְנְט אוֹיף דִי הִימְל פַאר יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט אַייךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אוּן דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי פָּאר מָאל וָואס אִיר הָאט פַארְלוֹירְן אִינְמִיטְן וַוארְטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט אוּן טוּט מִיט אוּנְז נָאר גוּטְס. פַארְוָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, פַארְוָואס פּוּנְקְט בַּיי מִיר, פַארְוָואס אַהֶער אוּן פַארְוָואס אַהִין - דָאס אַלֶעס קֶענֶען מִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מִיר גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז גוּט.

וִוי מֶער אִיר וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אִיר זֶען מֶער אוּן מֶער נִיסִים.

בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט אַייךְ; עֶס הָאט נִישְׁט קַיין זִין זִיךְ צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן כְּאִילוּ אִיר הָאט נִישְׁט גֶענוּג אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן וְכַדוֹמֶה.

נָאכְאַמָאל, דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה, דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע סְגוּלָה אוּן דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכְסְטֶע סְגוּלָה - אִיז תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין גְרִינְג אוּן גוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק פַאר דִי חֳדָשִׁים אוּן אַבִּיסְל הַנְהָגוֹת פַאר דִי חֳדָשִׁים.

װען מִיר פְלֶעגְן דֶערְצֵיילְן פַאר מוֹהֲרָא"ש אַז מִיר הָאבְּן נַייעֶס, מֶען װוּאַרט לְמַזָל טוֹב, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן זָאגְן: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם", אוּן מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן מִיט אַן עֶרְנְסְטְן פָּנִים דִי װֶוערְטֶער: "יֶעצְט הָאסְטוּ נַיין חֳדָשִׁים צוּ דַאװֶוענֶען אוּן בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין גְרִינְג אוּן גוּט, סַיי דָאס װוּארְטְן אוּן סַיי דָאס גֶעבּוּירְן, אַלֶעס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת", אִיךְ גֶעדֶענְק עֶס בַּיי מִיר אוּן אִיךְ הָאב עֶס גֶעהֶערְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי זֶעלְבֶּע װֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא"ש, מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרמַ"ח אֵבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים; דִי תְּפִלּוֹת זֶענֶען זֵייעֶר װִיכְטִיג.

דֶערִיבֶּער אַז אִיר זֶענְט יֶעצְט אַרַיין אִין דִי חֳדָשִׁים, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְט אִיר יֶעדְן טָאג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הַאלְט שׁוֹין דָא; אַזוֹיפִיל מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען דָא װָאס קוּקְן אַרוֹיס אוּן װַוארְטְן, זֵיי מֵיינֶען יֶעדֶע חוֹדֶשׁ 'אָט אָט גֵייעֶן מִיר װִיסְן גוּטֶע נַייעֶס'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי הֶעלְפְן, אַלֶע אִידְן זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

אִיר זָאלְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס װֶועט אַייךְ גֶעבְּן פִיזִישֶׁע אוּן גֵייסְטִישֶׁע כֹּחוֹת. דִי טֶעג זֶענֶען טֶעג װָאס מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ, מֶען פְרֶעגְט זִיךְ נָאךְ אֵיינֶער בַּיים צְװֵייטְן װִי אַזוֹי מֶען קֶען בַּאקוּמֶען כֹּחַ, מֶען נֶעמְט װִיטַאמִין, מֶען נֶעמְט מֶעדֶעצִין, מֶען פַארְגֶעסְט פוּן דִי בֶּעסְטֶע װִיטַאמִין - דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין: 'דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'; װֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - װֶוערְט מֶען שְׁטַארְק, מֶען בַּאקוּמְט כֹּחַ. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חָלוֹם, דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת; פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס, װֶועט אִיר זֶען װִי מֶען װֶוערְט פְרִישׁ אוּן גֶעזוּנְט יֶעדֶעס מָאל מֶען זָאגְט: "אִיךְ דַאנְק דִיר בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ לוֹיבּ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ װַוארְט יֶעצְט לְמַזָל טוֹב, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר דִי מַתָּנָה װָאס דוּ גֵייסְט מִיר גֶעבְּן"; דִי װֶוערְטֶער אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן װִיטַאמִין, מֶעדֶעצִין וְכוּ' וְכוּ'.

צְװֵייטְנְס, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין גְרִינְג אוּן גוּט. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט פַאר פְרוֹיעֶן װָאס װַוארְטְן, מֶען זָאל זָאגְן אִין דִי חֳדָשִׁים "שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים" - נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת

דִּי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זָאל מֶען הָאבְּן גְּרִינְג דָאס קִינְד. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְ'ן דֶערְמַאנֶען דִּי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִּי טֶבַע; זָאלְט אִיר זָאגְן דִּי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס אִיר גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנְוֶוייניג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דָּוִד הַמֶּלֶךְ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרָא"שׁ מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר זָאגְן דִּי תְּפִלָּה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִּי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִּי נֶעמֶען פוּן דִּי צַדִּיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְּרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִּידִים; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִּי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֶעבּ דֶעם נָאמֶען וָואס דַיין טַאטֶע ווִיל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעב דֶעם נָאמֶען וָואס דַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א וִויל, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע זַיין צוּפְרִידְן; סַיי דַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אוּן סַיי דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַ גָדוֹל בַּתּוֹרָה; דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְן זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן אִים אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער.

אֵיין זַאךְ פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט, וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט דֶעם בְּרִיוו שְׁרַייבְּסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶער: "אַ הַארְץ וָואס וֵויינְט" - מִיט דַיין נָאמֶען; אִיךְ וִויל פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס 'אַ הַארְץ וָואס וֵויינְט'? וֵויינְט פוּן וָואס? שְׁרַייבּ זִיךְ אוּנְטֶער: "אַ הַארְץ וָואס אִיז פוּל מִיט דַאנְק אוּן לוֹיבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דוּ בִּיסְט גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט נָאךְ אַ לִיכְטִיג קִינְד, "אַ הַארְץ וָואס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי מַתָּנָה פוּן אַ גֶעזוּנְטֶע קִינְד"; שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֵויינְט, יֶעצְט הוֹיבּ אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי הֶערְלִיכֶע דוֹרוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו מִיט דִי גֶעלְט.

אַ גְרִיס פוּן אַייעֶר חָשׁוּבֶ'ער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג אוּן פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ וְיִרְאַת שָׁמַיִם; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִיר מִיט אַייעֶר מַאן זָאלְן הָאבְּן נַחַת בַּיי אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

אִיר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו אַז אִיר זֶענְט גֶעזִיצְן אוּן גֶעוֵויינְט לַ"ג בָּעֹמֶר וְכוּ'; שְׁפִּיר אִיךְ פַאר וִויכְטִיג אַייךְ מְחַזֵק זַיין אוֹיף תּוֹדָה וְהוֹדָאָה. דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם שֵׁיינֶעם גָארְטְן וָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת; אִיר אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ פְלַאנְצְן אוּן צוּ בּוֹיעֶן, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זֶעט שׁוֹין הֶערְלִיכֶע פֵּירוֹת, עֶס צִיעֶט זִיךְ וַוייטֶער הֶערְלִיכֶע דוֹרוֹת. זָאלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶרע טֵייעֶרע קִינְדֶער, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ בַּאשֶׁענְקֶען מִיט דָאפְּלְטֶע נַחַת.

...

### אַ שָׁאד זִיךְ צוּ זָארְגְן אַזוֹיפִיל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

אַ בַּאזָארְגְטֶע מַאמֶע תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר עֶרְשְׁטֶע בְּרִיוו און אוֹיךְ אַייעֶר צְוֵוייטֶע בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז סְתָּם לַחַץ וְכוּ'; אִיר שְׁרַייבְּט דָאךְ אַלֵיין אַז וִויפִיל אִיר פְּרוּבִּירְט צוּ נִישְׁטֶערְן און זוּכְן זָאגְן אַלֶע דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אַז דֶער חָתָן אִיז אַ גֶעשְׁמַאקֶער און אַ גוּטֶער, און דָאס וָואס עֶר בַּאוַוייזְט זִיךְ שֶׁעמֶעוְודִיג און צוּרִיק גֶעצוֹיגְן דָאס אִיז בַּיי אַסַאךְ חֲתָנִים; אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ שָׁאד פַאר אַייעֶרע שְׁלָאפְלָאזֶע נֶעכְט און פַאר אַייעֶרע פְּחָדִים.

דָאס אִיז אַלֶעס מַעֲשֶׂה שָׂטָן צוּ שְׁטֶערְן אַייעֶרע שֶׁענְסְטֶע צַייט אִין לֶעבְּן; אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט, גֶעאַקֶערְט און גֶעזֵייט אַזוֹיפִיל יָארְן, יֶעצְט עֶנְדְלִיךְ וֶוען אִיר שְׁנַיידְט שׁוֹין דִי פֵּירוֹת נָאכְדֶעם וָואס אַייעֶר טָאכְטֶער אִיז אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת - דַארְפְט אִיר יֶעצְט נָאר טַאנְצְן, דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַנְשְׁטָאט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה וֵויינְט אִיר אַ גַאנְצְן טָאג.

אִיר פְרֶעגְט אִין אַייעֶר צְוֵוייטֶע בְּרִיוו: "חוּץ פוּן וַוייטֶער דַאוֶועגֶען - וָואס אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ טוּן - לִיגְט אוֹיף מִיר אַ חוֹב עֶפֶּעס צוּ טוּן? אָדֶער זָאל אִיךְ לָאזְן דִי זַאךְ לוֹיפְן?" ווייל אַייךְ זָאגְן אַז אִיר הָאט נָאךְ אֵיין זַאךְ צוּ טוּן; חוּץ פוּן דַאוֶועגֶען לִיגְט אוֹיף אַייךְ אַ פְּלִיכְט צוּ טוּן נָאךְ אַ זַאךְ וָואס דָאס וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן, אִיר דַארְפְט אָנְהוֹיבְּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט מִיט אַייךְ אַז אַייעֶר טָאכְטֶער אִיז אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן; אַוַדַאי זָאלְט אִיר מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ בֶּעטְן פַאר דִי כַּלָּה, אָבֶּער נִישְׁט מִיט דִי וֶועג וָואס אִיר בֶּעט בִּיז יֶעצְט - מִיט עַצְבוּת, פְּחָדִים און דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', נָאר מִתּוֹךְ שִׂמְחָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קעה): "עִקַּר מַעֲלַת

הַבְּכִיָּה, שֶׁתִּהְיֶה מֵחֲמַת שִׂמְחָה", וֶוען מֶען וַויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מֶען וַויינֶען מִתּוֹךְ שִׂמְחָה, דֶערְפַאר זֶעט מֶען אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דָאס וָוארְט "בְּכִיָּ"ה" אִיז "בְּ'שִׁמְךָ יְ'גִילוּן כָּ'ל הַ'יּוֹם" (תְּהִלִּים פט, יז), מֶען וַויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל מֶען ווייסְט אַז מִיר זֶענֶען אִין זַיינֶע הֶענְט אוּן עֶר קֶען אוּנְז הֶעלְפְן, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם וַויינֶען פוּן פַּחַד אוּן שְׁרֶעק וָואס דָאס אִיז נִישְׁט גוּט.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט יֶעדְן טָאג זָאגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דִי חֲתוּנָּה פוּן אַייעֶר טָאכְטֶער אוּן אוֹיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר; דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן, דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ טַייעֶרֶע מַאן מִיט זִיסֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר. בַּאזוּנְדֶער דַאנְק אִיךְ דִיר טַאטֶע אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט מִיט מִיר אַז מַיין טָאכְטֶער ... תְּחִיֶ' אִיז אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת; מָה אָשִׁיב לַה' - וָואס קֶען אִיךְ דִיר בַּאצָאלְן, כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי - פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ טוּן: כּוֹס יְשׁוּעוֹת אֶשָּׂא וּבְשֵׁם ה' אֶקְרָא, אִיךְ וֶועל פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער דִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן; אִיךְ וֶועל אַלֶעמֶען דֶערְצֵיילְן דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים אוּן חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר כְּסֵדֶר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָּה צוּ מַאכְן אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער; זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוּן זֵיי זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת. הֶעלְף מַיין טָאכְטֶער ... דִי כַּלָּה, זִי זָאל גֵיין צוּ דִי חוּפָּה גְרִינְג אוּן פְרֵיילִיךְ; זִי זָאל אוֹיפְשְׁטֶעלְן צוּזַאמֶען מִיט אִיר מַאן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת בִּזְכוּת אַלֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דִיר, בִּפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מַלְכָּה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי שִׂמְחָה אוּן מִיט דִי נִיסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ.

...

**די שִׂמְחָה פוּן אַן אָפְּשֶׁערְן, אָבֶּער נִישְׁט זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ב׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מַאכְן פֵּיאוֹת פַּאר אַ קִינְד אִיז אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען זָאל זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן. בַּאקְט אַ קֶעיק, אוּן רוּפְט נָאר דִי עֶלְטֶערְן; אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן אַייעֶר מַאן׳ס עֶלְטֶערְן - זָאלְן בֶּענְטְשְׁן דֶעם קִינְד.

דֶער מִנְהָג אִיז, מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פְּרִי, גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶונֶען מַאכְט מֶען פֵּיאוֹת, דִי עֶלְטֶערְן וִוינְטְשְׁן בְּרָכוֹת אוּן מֶען גֵייט אִין חֵדֶר, מֶען וִויקְלְט אֵיין דֶעם קִינְד אִין אַ טַלִּית עֶר זָאל זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, דֶער מְלַמֵּד זָאגְט מִיטְן קִינְד דִי א-ב אוּן עֶר שְׁמִירְט אָן דִי א-ב מִיט הָאנִיג, אוּן דֶער קִינְד לֶעקְט דִי הָאנִיג אוֹיף דִי א-ב אוּן טֵיילְט גוּטֶע זַאכְן פַּאר דִי חֲבֵרִים.

דִי גֶעלְט וָואס מֶען וִויל אוֹיסְגֶעבְּן צוּ מַאכְן טֵייעֶרֶע פֶּעקְלֶעךְ, טֵייעֶרֶע סְעוּדוֹת - גֶעבְּט מֶען פַּאר צְדָקָה לִזְכוּת דֶעם קִינְד, מֶען גֶעבְּט דָאס פַּאר דִי חֵדֶר וואוּ דֶער קִינְד גֵייט לֶערְנֶען וְכַדוֹמֶה.

מַאכְט זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט גֶעפֶּעלְן פַּאר דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער, מַאכְט נִישְׁט נָאךְ אַלֶע אַמֶערִיקַאנֶע מִנְהָגִים. אָפְּשֶׁערְן אִיז אַ טָאג פוּן תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת פַּאר דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חַיִי

**אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ חָתָן, ווִי אַזוֹי רֶעד אִיךְ יֶעצְט וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר דִי הֶערְלִיכֶע דְרָשׁוֹת, נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען.

גֶעלוֹיבְּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ בִּין אַ חָתָן גֶעוָוארְן לְמַזָּל טוֹב, בִּיז יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט אוּן פַארְפִירְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם. יֶעצְט אָבֶּער, וֶוען אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ חָתָן גֶעוָוארְן, וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט הַאלְטְן אִין אֵיין דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אָבֶּער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דֶעם שְׁטַארְקְן גֶעפִיל צוּ דַאנְקֶען אוּן דַאנְקֶען דִי גַאנְצֶע צַייט אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אַזוֹי סַאךְ פַאר דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**מַזָּל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ אוּן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר אוּן וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר.**

**יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין דַיין שִׁידוּךְ בִּיסְטוּ שׁוֹין רוּאִיג, וַוייל וֶוען מֶען טְרֶעפְט אַ שִׁידוּךְ וֶוערְט מֶען רוּאִיג. דָאס אִיז דֶער לָשׁוֹן פוּן 'שִׁידוּךְ' אַזוֹי וִוי דֶער תַּרְגּוּם זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (שׁוֹפְטִים ג, ל): וַתִּשְׁקֹט הָאָרֶץ - "וּשְׁדוֹכַת אַרְעָא". מִמֵּילָא אִיז יֶעצְט דִי צַייט אַז דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְן סֵדֶר דֶערֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְכוּ'; אַז דוּ וֶועסְט יֶעצְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען וֶועסְטוּ אוֹיךְ לֶערְנֶען שְׁפֶּעטֶער נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיךְ לֶערְנֶען, אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת.**

**בִּיז יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן נָאר פַאר אַ שִׁידוּךְ, יֶעצְט אַז דוּ בִּיסְט אַ חָתָן גֶעוָוארְן דַארְפְסְטוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר גֶעזוּנְט, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער אוּן נַחַת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין מט:): "עֲשָׂרָה קַבִּין שִׂיחָה יָרְדוּ לָעוֹלָם, תִּשְׁעָה נָטְלוּ נָשִׁים, וְאֶחָד נָטְלוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ", צֶען מָאס רֶעדְן אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען**

אוֹיף דֶער וֶועלְט, נַיין הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי פְּרוֹיעֶן אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶעם פְּשַׁט. בִּיז מֶען טְרֶעפְט אַ שִׁידוּךְ הָאט מֶען נָאר אֵיין זַאךְ אוֹיף וָואס צוּ מִתְפַּלֵל צוּ זַיין, דָאס הֵייסְט אֵיין קַב תְּפִלָּה, וַוייל דֶער עִיקָר בֶּעט מֶען פַאר אַ שִׁידוּךְ, אָבֶער וֶוען מֶען טְרֶעפְט שׁוֹין דִי שִׁידוּךְ דֶעמָאלְט הָאט מֶען דִי אֵייגֶענֶע קַב אוּן דִי נַיין קַבִּים פוּן דִי פְּרוֹי, צוּזַאמֶען הָאט מֶען אַלֶע צֶען קַבִּים. וַוייל דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען אָן צוּ בֶּעטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

בְּרֶעסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים פִירְן זִיךְ יֶעדְן צוּפְרִי גְלַייךְ וֶוען זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר שִׁידוּךְ, זֵיי זָאגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ לוֹיבּ דִיר אוּן אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט". אוּן יֶעדֶעס יָאר וֶוען עֶס גֶעפַאלְט דֶעם טָאג וָואס מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, פִירְט מֶען זִיךְ צוּ זָאגְן הַלֵּל (אָן אַ בְּרָכָה), מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֶסֶד וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן אַז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ; דָאס אִיז שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ב).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, דוֹרוֹת יְשָׁרִים וּמְבֹרָכִים, אָמֵן.

...

### ווִי אַזוֹי הֵייל אִיךְ אוֹיס דִי הוֹיט אוֹיף מַיין פָּנִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק; ווִי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן? אִיךְ גֵיי יֶעצְט בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם עֶנְדִיגְן תְּהִלִּים נָאכְאַמָאל, אַלֶעס אַ דַאנְק דִי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר, דִי לֶעצְטֶע צְווֵיי יָאר הָאבּ אִיךְ אַ

פְּראבְּלֶעם מִיט מַיין הוֹיט אוֹיפְן פָּנִים און אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן. אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ הוֹיט דָאקְטֶער, עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶס אִיז פַּאנְגוּס און מִיר גֶעגֶעבְּן זַאכְן אַרוֹיפְצוּלֵייגְן פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט, אָבֶּער עֶס הָאט נָאר גֶעהָאלְפְן אַבִּיסְל, נָאר וִוי לַאנְג אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶענוּצְט. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט נַאטוּרְלִיכֶע מִיטְלֶען, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט מֶער נִישְׁט צוּ עֶסְן צוּקֶער און אַזוֹי וֶועט עֶס אַוֶועקְצוּגֵיין, אִיךְ הָאבּ עֶס פְּרוּבִּירְט פַאר אִיבֶּער אַ חוֹדֶשׁ צַייט און עֶס הָאט אַבִּיסְל גֶעהָאלְפְן אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען צוּ שְׁוֶוער צוּ טוּן פַאר מֶער צַייט.

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף דֶעם פַאר פֶּערְצִיג טֶעג, צוּלִיבּ דֶעם וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט "בְּחָנוּנִי נָא בְּזֹאת", אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר פֶּערְצִיג טֶעג אוֹיף אַ זַאךְ וֶועט מֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אָבֶּער דָאס הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן. עֶס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן אָבֶּער נִישְׁט פַאר דִי הוֹיט פְּראבְּלֶעם. אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט דִי אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע אוֹיל פוּן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת פוּן שַׁבָּת אָבֶּער עֶס הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַ תּוֹרָה'דִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ הֵיילְן וִוי שְׁנֶעלֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶועט אִיר נֶעמֶען דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְגוּלָה פוּן 'תּוֹדָה וְהוֹדָאָה', דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, דַאנְקְט אִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, רֶעכְנְט אוֹיס אַלֶע נִיסִים - וֶועט אִיר זֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִיסִים.

וֶוען אַ אִיד דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דִי הִימְל, און וָואס מֶען בֶּעט - בַּאקוּמְט מֶען; עֶס קוּמֶען יְשׁוּעוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אַ אִיד בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּקְט מֶען אוֹיבּ עֶר דַאנְקְט אוֹיךְ; אַז מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און נָאכְדֶעם בֶּעט מֶען - הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מִיט גֶעזוּנְטֶע הוֹיט.

...

## דַאנְק דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דַיינֶע צֵיין, וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין צֵיין וֵוייטָאג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה - מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

בְּנוֹגֵעַ דָאס וָואס דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ - דוּ אוּן דַיין וַוייבּ - מִיט דִי צֵיין; מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק פוּן פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר אַז זַייעֶנְדִיג אִינֶעם עֶלְטֶער פוּן נַיינְצִיג יָאר הָאט עֶר אַמָאל גֶעוִויזְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים זַיינֶע צֵיין אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אַלֶע מַיינֶע צֵיין אוּן אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיים צֵיין דָאקְטֶער; אִיךְ בִּין דָאס תּוֹלֶה וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט יֶעדְן טָאג צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר מַיינֶע צֵיין. אִיךְ פְלֶעג זָאגְן: 'אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיינֶע צֵיין, אַז אִיךְ הָאבּ שֵׁיינֶע צֵיין, גֶעזוּנְטֶע צֵיין צוּ עֶסְן אוּן צוּ רֶעדְן', דֶערִיבֶּער הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן מַיינֶע אֵייגֶענֶע צֵיין בִּיז דִי נַיינְצִיג יָאר".

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע דַיינֶע גֶעזוּנְטֶע צֵיין וָואס עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן, וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דַיינֶע צֵיין וֵוייטָאג.

הַאלְט מִיט דִיר שְׁטֶענְדִיג סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, סִידוּרִים וְכוּ', אַז וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט אַ אִיד זָאלְסְטוּ הָאבְּן בַּיי דִיר סְחוֹרָה אִים מְחַיֶּ' צוּ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

### אַ גוּטֶע וִויטַאמִין וָואס אַרְבֶּעט וואוּנְדֶערְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ הַאֲזִינוּ, ח׳ תִּשְׁרֵי, שָׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַז אִיר ווִילְט צוּרִיק קוּמֶען צוּ אַייעֶרֶע כֹּחוֹת אִיז דָא אַ גוּטֶע וִויטַאמִין וָואס אַרְבֶּעט וואוּנְדֶערְלִיךְ, עֶס אַרְבֶּעט אוֹיפְן פְּלַאץ, גְלַייךְ וֶוען מֶען נֶעמְט עֶס אַיין שְׁפִּירְט מֶען וִוי מֶען בַּאקוּמְט מֶער אוּן מֶער כֹּחַ.

דִי וִויטַאמִין קֶען מֶען בַּאקוּמֶען וואוּ אִימֶער, עֶס לִיגְט אִין אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אִין אַלֶע הַייזֶער, עֶס קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט; מֶען דַארְף דָאס נִישְׁט אַיינְנֶעמֶען, דָאס דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען, אַרוֹיסְזָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער:

״יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין לֶעבְּן, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי בִּיסְל כֹּחַ וָואס אִיךְ הָאבּ. יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ גְלֵייב אִין דִיר, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס״.

יֶעדֶע דַאנְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גֶעבְּט נָאךְ כֹּחַ אוּן נָאךְ כֹּחַ.

יֶעצְט זֶענְט אִיר שְׁוַואךְ, עֶס אִיז נָארְמַאל; אִיר מֶעגְט וֵויינֶען, עֶס אִיז נָארְמַאל; צוּבִּיסְלִיךְ וֶועט אִיר צוּרִיק קוּמֶען צוּ אַייעֶרֶע כֹּחוֹת פוּן אַמָאל, אוּן אַז אִיר וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער פוּן אַמָאל.

אַ חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ שְׁנֶעלֶער וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַייעֶר קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

הוֹיבְּט אָן מֶער און מֶער דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט איר וָואס שְׁנֶעלֶער אַהֵיים גֵיין מִיטְן קִינְד פוּן שְׁפִּיטָאל; אַז מֶען פַארְגֶעסְט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קְרֶעכְצְט, מֶען רֶעדְט זִיךְ אָפּ - דֶעמָאלְט קוּמֶען אוּנְטֶער נָאךְ און נָאךְ וֵוייטָאג; אַז מֶען דַאנְקְט שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְגֶעסְט נִישְׁט דִי חֲסָדִים - דֶעמָאלְט זֶעט מֶען שְׁטֶענְדִיג נָאר נִיסִים.

אִיךְ דַאוֶּוען פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן און פַארְן קִינְד.

...

## מְזוֹנֵי

### פַארְוָואס גֶעבְּט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ אַרְבֶּעט עֶלְף שָׁעָה אַ טָאג פַאר פַּרְנָסָה, און אִיךְ הֶער אַסַאךְ אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת בִּשְׁעַת מַיין אַרְבֶּעט, און אִיךְ לֶערְן זִיךְ אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אִין לֶעבְּן פוּן דִי שִׁיעוּרִים, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן, און הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אִין פִילֶע הִינְזִיכְטְן.

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף, און אִיךְ זֶע טַאקֶע גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מִיר אַזוֹיפִיל מָאל, אָבֶּער בַּיי אֵיין זַאךְ שְׁפִּיר אִיךְ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט מִיר נִישְׁט, דָאס אִיז בַּיי פַּרְנָסָה. אִיךְ בֶּעט אַזוֹיפִיל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אִיךְ וֵויין און אִיךְ וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע וּבְנָקֵל, אָבֶּער אִיךְ זֶע נִישְׁט גָארְנִישְׁט עֶס זָאל מִיר עֶפֶּעס בֶּעסֶער וֶוערְן. אִיךְ גְלֵייב אַז דָאס אִיז זִיכֶער פַאר מַיין טוֹבָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר, אָבֶּער וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ בֶּעסֶער מַאכְן מַיין מַצָּב, נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַכְט יָאר און אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין שׁוּם יְשׁוּעָה?

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אִיר זָאלְט מִיר עֶנְטְפֶערְן און אַרוֹיסְהֶעלְפְן, וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ אַז אִיךְ הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִי קֶענְסְטוּ זָאגְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַכְט יָאר אוּן דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה; ווער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן עֶסְן דִי אַכְט יָאר? ווער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן קְלֵיידֶער - פַאר דִיר, דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער - דִי אַכְט יָאר? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער!

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה לא.): ״לְעוֹלָם אֲפִילוּ בַּעַל הַנֵּס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִיסּוֹ״, דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט וָואס פַאר אַ נִסִּים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט אִים יֶעדְן טָאג; אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: ׳עֶס קוּמְט אַז אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט וְכוּ׳, מִיר וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס׳ אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז יֶעדֶע רֶגַע וָואס עֶר לֶעבְּט אִיז מִיט נִסִּים.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה כד, א): ״בּוֹא וּרְאֵה כַּמָּה נִסִּים עוֹשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עִם הָאָדָם וְהוּא אֵינוֹ יוֹדֵעַ״, טְרַאכְט אַרַיין וָואס פַאר אַ נִסִּים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט פַאר אוּנְז אוּן מֶען כַאפְּט דָאס נִיטְאַמָאל, ״שֶׁאִלּוּלֵי הָיָה אוֹכֵל פַּת כְּשֶׁהִיא חַיָּה הָיְתָה יוֹרֶדֶת בְּתוֹךְ מֵעָיו וּמְשָׂרֶטֶת אוֹתוֹ״, ווען מֶען עֶסְט ווען טְרִיקֶענֶע בְּרוֹיט וָואלְט דָאס צֶעקְרַאצְט דֶעם מָאגְן אוּן מֶען וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶעבְּן, ״אֶלָּא בָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעְיָן בְּתוֹךְ גַּרְגַּרְתּוֹ שֶׁהוּא מוֹרִיד אֶת הַפַּת בְּשָׁלוֹם״, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן אִינֶעם הַאלְז אַזוֹי ווִי אַ קְוָואל מִיט וַואסֶער - דִי שְׁפֵּייעֶכְץ - אַז דִי עֶסְן זָאל נִישְׁט צֶעקְרַאצְן אוּן דֶערְוֶוערְגְן דֶעם מֶענְטְשׁ; קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דֶעם אַז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ נֵס, אַז דִי עֶסְן קֶען אַרָאפּ גֵיין בְּשָׁלוֹם אִינֶעם הַאלְז וְכוּ׳, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן שְׁפֵּייעֶכְץ, אוּן דָאס אִיז בְּלוֹיז אֵיינֶע פוּן דִי טוֹיזְנְטֶער נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט פַאר אוּנְז.

קוּק אוֹיף צוּרִיק וֶועסְטוּ זֶען ווִי דַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען; אַכְט יָאר וָואס דוּ לֶעבְּסְט אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן מִיט אַ ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, דוּ בְּרֶענְגְסְט זֵיי

עֶסְן אוּן קְלֵיידֶער, פוּן וואוּ הָאסְטוּ דָאס? אַלֶעס קוּמְט דָאךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן דֶעם וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר טַייטְשְׁ דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת לג, כג): "וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן - דָאס קֶען מֶען נִישְׁט זֶען, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק זֶעט מֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן. מִיט דֶעם טַייטְשְׁ עֶר: "וְרָאִיתָ - אֶת אֲחֹרָי" - קוּק אוֹיף צוּרִיק, קוּק וָואס פַאר אַ חֲסָדִים אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מִיט דִיר, וֶועסְטוּ מִיר זֶען; אָבֶּער "וּפָנַי - לֹא יֵרָאוּ" - וָואס וֶועט זַיין? וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְן דִי יְשׁוּעָה? דָאס וֵוייסְט מֶען נִישְׁט אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט זֶען פוּן פָאַרְאוֹיס, נָאר מֶען דַארְף גְלֵייבְּן, וַוארְטְן, הָאפְן אוּן בֶּעטְן.

דוּ בֶּעטְסְט אַן עֵצָה פַאר פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח; נֶעם דִי עֵצָה וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶע'חַזֶר'ט מִיט אוּנְז, מֶען זָאל בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן דַוְקָא אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן אַז דָאס וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת אִיז נָאר בִּזְכוּת וָואס עֶר פְלֶעגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן פוּן אוֹיסֶעוֵוייניג, עֶר הָאט נָאר גֶעבֶּענְטְשְׁט אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער.

...

### אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט אַזוֹיפִיל פְּרָאבְּלֶעמֶען, וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ וַוייבּ וָואס אִיז גֵייסְטִישׁ קְרַאנְק, זִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל אָן אַ שִׁיעוּר מָאל. יֶעצְט אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם שׁוֹין בֶּעסֶער, עֶס אִיז אָבֶּער נָאכְאַלְץ אַ זַאךְ וָואס מֶען מוּז לֶעבְּן דֶערְמִיט, זִי נֶעמְט שְׁוֶוערֶע מֶעדֶעצִין.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע פַּרְנָסָה, אָדֶער בֶּעסֶער גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין סִימָן בְּרָכָה אִין דִי בִּיסְל גֶעלְט וָואס אִיךְ בְּרֶענְג יָא אַרַיין, יֶעדֶע וָואךְ בְּלִי שׁוּם גוּזְמָא דַארְף אִיךְ צוּקוּמֶען צוּ יֶענֶעם פַאר אַפָּאר דָאלֶער.

מַיין אִינגל אִיז חוּצְפָּה'דִיג וְכוּ', דֶער מְנַהֵל פוּן עֶנְגְלִיש זָאגְט אַז עֶר דַארְף נֶעמֶען מֶעדֶעצִין.

די הַיינְטִיגֶע טֶערָאפִּיסְטְן אוּן מְחַנְּכִים בַּאשׁוּלְדִיגְן די עֶלְטֶערְן פַאר אַלֶעס וָואס גֵייט נִישְׁט כַּשּׁוּרָה מִיט די קִינְדֶער, וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן זֶענֶען די קִינְדֶער גֶעוֶוען די בַּאשׁוּלְדִיגְטֶע, הַיינְט זָאגְט מֶען אוּנְז צוּ גֶעבְּן מֶער לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ', אָבֶער וָואס מִיר פְּרוּבִּירְן אַלְץ צוּ טוּן אִיז נִישְׁט גֶענוּג, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיךְ הָאבּ די דַאֲגוֹת פוּן מַיין ווייבּ אוּן פוּן פַּרְנָסָה.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מֶער וָואס צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַיין הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר דִיר ווִי שְׁטַארְק דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ, מִיט דַיין פַּרְנָסָה אוּן מִיט חִינוּךְ הַבָּנִים. אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "דוּ וֵוייסְט וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד"; אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ - אִים הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין שְׁלֶעכְטְס. אַז עֶס אִיז דִיר אַזוֹי שְׁלֶעכְט אוּן אַזוֹי בִּיטֶער - זַיי זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אֵיךְ מְבַטְּלִין עַצְמוֹ", ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵּל? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען פַארְמַאכְט זִיךְ די מוֹיל אוּן די אוֹיגְן - דָאס אִיז בִּיטּוּל", דָאס הֵייסְט,

מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט קֶעגְן דִי אֱמוּנָה; דָאס זֶענֶען דִי לִימוּדִים וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז.

זוּךְ דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דָאס גוּטְס, לוֹיב אִים אַז דַיין וַוייבּ אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל בֶּעסֶער, זִי אִיז שׁוֹין אִין שְׁטוּבּ. דַאנְק אִים אוֹיף דָאס בִּיסְל פַּרְנָסָה וָואס דוּ הָאסְט; מִיטְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ כְּלִי לְקַבֵּל, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען נָאךְ מֶער פַּרְנָסָה.

אַנְטְלוֹיף נִישְׁט, וַוארְט אוֹיס אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן גֶעדוּלְד, דוּ וֶועסְט אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (כּוֹכְבֵי אוֹר, סִיפּוּרִים נִפְלָאִים) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹי וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט מִיט אָרֶעמֶעלַייט אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי דִי אִידְן שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ אַז נָאךְ אַבִּיסְל קוּמְט שׁוֹין דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, הָאט עֶר זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט וָואס אִיז דָאס פֶּסַח, הָאט מֶען אִים דֶערְצֵיילְט וִוי שַׁיין דֶער יוֹם טוֹב אִיז, מֶען פְּרַאוֶועט אַ סֵדֶר אוּן אַלֶע אִידְן, אֲפִילוּ אָרֶעמֶעלַייט - עֶסְן אַ רַייכֶע סְעוּדָה; מֶען זִיצְט בַּיים טִישׁ וִוי קֶענִיגְן, מֶען עֶסְט אוּן מֶען טְרִינְקְט אוּן מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ. דִי אָרֶעמֶעלַייט הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ פַאסְטְן אַפָּאר טֶעג פַאר יוֹם טוֹב כְּדֵי מֶען זָאל זַיין גוּט הוּנְגֶערִיג צוּם סֵדֶר. דֶער גוֹי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ מוּז דָאס אוֹיסְפְּרוּבִּירְן, אִיךְ וֶועל מִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן וִוי אַ אִיד אוּן אִיךְ וֶועל גֵיין צוּ אַ סֵדֶר, אִיךְ ווִיל כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן הָאבְּן אַ גוּטֶע סְעוּדָה'. לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען אִים נִישְׁט דֶערְצֵיילְט אַז מֶען הֵייבְּט נִישְׁט אָן מִיט 'שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ', נָאר קוֹדֶם זָאגְט מֶען דִי הַגָּדָה אוּן מֶען עֶסְט אַ שְׁטִיקְל גְרִינְצֵייג וֵוייניגֶער וִוי אַ כַּזַיִת, אוּן נָאכְדֶעם מוֹצִיא מַצָּה אוּן מָרוֹר וְכוּ' וְכוּ'. פֶּסַח בַּיינַאכְט הָאט זִיךְ דֶער גוֹי אַיינְגֶעלַאדְנְט בַּיי אַ אִיד צוּ זַיין בַּיים סֵדֶר, אוּן עֶר זִיצְט בַּיים סֵדֶר אוּן עֶר וַוארְט אוּן וַוארְט צוּ עֶסְן דִי שַׁיינֶע סְעוּדָה, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מָרוֹר אוּן עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז מֶען הָאט אִים דָא זִיכֶער אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט, וַוייל עֶר וַוארְט אַזוֹי לַאנְג אוֹיף דִי סְעוּדָה אוּן מֶען דְרֵייט אַרוּם מִיט אִים, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן אַנְטְלָאפְן.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן זַיינֶע חֲבֵרִים הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַז מֶען הָאט אִים גֶעלָאזְט אוֹיסְהוּנְגֶערְן, בִּיז מֶען הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ שַׁארְפֶע עֶסְן וְכוּ' וְכוּ', הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט אַנְטְלָאפְן פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ, וֶוען דוּ וַוארְטְסְט וֶוען אוֹיס נָאךְ אַבִּיסְל וָואלְסְטוּ גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶע סְעוּדָה".

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן וִוי דֶער גוֹי וָואס אִיז אַנְטְלָאפְן פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ, וַוארְט אוּן הָאבּ גֶעדוּלְד, אַנְטְלוֹיף נִישְׁט מִיטְן בִּיטֶערְן טַעַם אִין מוֹיל, וַוארְט אוֹיס אוֹיף דַיין יְשׁוּעָה.

בִּנוֹגֵעַ דַיין זוּן; מֶען קֶען יֶעדְן קִינְד אָנְקוּקְן וִוי אַ מְחוּצָף אוּן מֶען קֶען יֶעדְן מְחוּצָף אָנְקוּקְן וִוי אַ טֵייעֶר קִינְד, אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ קוּים דֶערְהַאלְטְן - וָואס עֶרְוַוארְטְסְטוּ פוּן דַיין זוּן? עֶר אִיז יוּנְג, עֶר הָאט וֵוייניִגֶער כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין אַזֶעלְכֶע שְׁוֶועֶרֶע מַצָּבִים, אַז דֶער טַאטֶע וֶועט זַיין שְׁטַארְק, דֶער טַאטֶע וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ - וֶועט דֶער זוּן אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁטַארְק, עֶר וֶועט פָאלְגְן אוּן זַיין אַ וואוֹיל קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואלְסְטוּ גֶעווּאוּסְט וָואס צָרוֹת מֵיינְט, וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן קַאדַאטְשְׁקֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אִין דִי בְּרִיוו: "מֶען פְרֶעגְלְט מִיר אוֹיס פוּן הִימְל פוּן אַלֶע זַייטְן"; אִיךְ מֵיין דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֵיינְט פְרֶעגְלֶען, וָואלְסְטוּ גֶעוּוּיסְט וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער, וָואלְסְטוּ גֶעוּוִיסְט וָואס פַאר אַ צָרוֹת עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט - וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן קַאדַאטְשְׁקֶע בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, וָואלְסְט גֶעזָאגְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט מִיר נָאר גוּטְס".

דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צָרוֹת מֵיינְט, וַוייל אַז דִי וַוייבּ וֵויינְט אַ הַאלְבֶּע נַאכְט – אִיז דָאס נִישְׁט דִיךְ פְּרֶעגְלֶען פוּן הִימְל; וָואס אִיז אַז דִי וַוייבּ וֵויינְט? וָואס אִיז אַז דִי וַוייבּ שְׁרֵייט? דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרֶעגְלֶען, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין צָרוֹת; דָאס אִיז דִי לֶעבְּן, אוּן דָאס אִיז דִי פְּלִיכְט אוֹיפְן מַאן, פְּרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרֶעגְלֶען. אוּן אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועֶרֶע צַייט מִיט פַּרְנָסָה – אִיז נָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט עֶק וֶועלְט, אוּן אַז דוּ דַארְפְסְט בַּאצָאלְן גְרוֹיסֶע קְנָסוֹת פַאר דִי קָאמְפֶּענִי וְכוּ' וְכוּ' – אִיז אוֹיךְ נִישְׁט עֶק וֶועלְט; דָאךְ בִּיסְטוּ גֶעזוּנְט, דָאךְ בִּיסְטוּ חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן נָאךְ טוֹיזְנְטֶער גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, בַּאלְד קוּמְט גְרוֹיס שֶׁפַע, דוּ טוּ נָאר דַיינְס מִיט גְרוֹיס עַקְשָׁנוּת, דוּ קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת מִיט דִי גְרֶעסְטֶע עַקְשָׁנוּת, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין. לָאז דַיין טֶעלֶעפָאן אִין קַאר, פְּלָאג זִיךְ אוֹיס פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דַאוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דַאנְק אִים אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן, זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח.

בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן וְכוּ'; מוֹהֲרָא"ש הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה אִינְגֶערְמַאן עֶר זָאל בְּלַייבְּן וְכוּ', מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוִויזְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עַיֵּין יוֹמָא פה:): "מוּטָב שֶׁיְּחַלֵּל שַׁבָּת אַחַת וְכוּ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### זוּכְן אַן אַרְבֶּעט וָואס דִי מוֹיל אִיז פְרַיי צוּ שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִלּוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין פב.): "לְעוֹלָם יְלַמֵּד אָדָם אֶת בְּנוֹ אוּמָנוּת נְקִיָּה וְקַלָּה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען זַיין זוּן אַ רֵיינֶע גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, "וְיִתְפַּלֵּל לְמִי שֶׁהָעֹשֶׁר וְהַנְּכָסִים שֶׁלּוֹ", אוּן עֶר זָאל דַאוֶוענֶען וְכוּ'.

מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט, 'וַיִּתְפַּלֵּל' גֵייט אוֹיף אַרוֹיף, אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען זַיין זוּן אַזַא סָארְט אַרְבֶּעט וָואס בַּיים אַרְבֶּעטְן קֶען מֶען נוּצְן דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרַ"ש פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, מֶען זָאל זוּכְן לְכַתְּחִלָּה אַן אַרְבֶּעט וָואס דִי מוֹיל אִיז פְּרֵיי אוּן עֶס קֶען שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִלּוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'אוּמָנוּת נְקִיָּה וְקַלָּה וְיִתְפַּלֵּל', אַ רֵיינֶע גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט וָואס מֶען קֶען דֶערְבֵּיי דַאוֶוענֶען, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

דַיין אַרְבֶּעט אִיז זַיין אַן עֶלֶעקְטֶערִישְׁן, דְרָאט אַרְבֶּעט, מִיט דִי הֶענְט דְרֵייסְטוּ דְרָאטְן; קֶענְסְטוּ נוּצְן דִי מוֹיל אוֹיף תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**הָאבְּן אַ פַּאזִיטִיוֶוער בְּלִיק אוֹיפְן לֶעבְּן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר אַלֵיין וִוי אַזוֹי דוּ נֶעמְסְט אָן דַיין לֶעבְּן!

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעוִויזְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וִוי וַוייט אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ; עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ יַעֲנְקֶל וַואסֶער טְרֶעגֶער אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס מַאכְסְטוּ יַעֲנְקֶל?" גֶעגֶבְּט עֶר אַ קְרֶעכְץ אוּן זָאגְט: "וָואס קֶען אִיךְ שׁוֹין מַאכְן? בַּיי דִי אַכְצִיג יָאר דַארְף אִיךְ שְׁלֶעפְּן שְׁוֶוערֶע אַמֶערְס וַואסֶער, אִיךְ שְׁלֶעפּ דָאס אַרוֹיף אַפָּאר שְׁטָאק, מַמָּשׁ דִי רוּקְן בְּרֶעכְט זִיךְ מִיר, דִי פִּיס הַאלְטְן מִיר כִּמְעַט נִישְׁט, פַאַרְוָואס דַארְף אִיךְ אַזוֹי שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן?!" דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הֶערְט אִים אוֹיס אוּן גֵייט וַוייטֶער מִיט דִי תַּלְמִידִים.

אַ וָואךְ שְׁפֶּעטֶער גֵייט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ נָאכְאַמָאל מִיט דִי תַּלְמִידִים אוּן זָאגְט זֵיי, קוּמְט וֶועל אִיךְ אַייךְ וַוייזְן אַז אַלֶעס הָאט מִיטְן מֶענְטְשׁ אַלֵיין וִוי אַזוֹי עֶר נֶעמְט אָן זַיין לֶעבְּן, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֵייט וִוידֶער צוּ צוּם וַואסֶער טְרֶעגֶער יַעֲנְקֶל אוּן פְרֶעגְט אִים: "יַעֲנְקֶל וָואס הֶערְט מֶען עֶפֶּעס? וָואס מַאכְסְטוּ?" זָאגְט עֶר: "רֶבִּי, וִוי קֶען אִיךְ

קְרֶעכְצְן? מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר אַזוֹי שַׁיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה, אִיךְ דַארף גָארנִישְׁט אִינוֶועסְטִירְן, אִיךְ שֶׁעפּ אָן וַואסֶער בַּיים בְּרוּנֶעם אוּמְזִיסְט אוּן טְרָאג דָאס צוּ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי צָאלְן מִיר, אָהָ - גֶעבְּט עֶר אַ זָאג - אִיךְ דַאנְק גָאט פַאר מַיין זִיסֶע לֶעבְּן", דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הֶערְט אִים אוֹיס אוּן גֵייט וַוייטֶער מִיט דִי תַּלְמִידִים אוּן זָאגְט זֵיי: "גֶעבְּט אַ קוּק, דָאס אִיז דֶער זֶעלְבֶּער יַענְקְל; אַכְצִיג יָאר שְׁלֶעפְּט עֶר דִי זֶעלְבֶּע שְׁוֶוערֶע עֶמֶערְס וַואסֶער, דִי זֶעלְבֶּע שְׁטָאקְן דַארְף עֶר אַרוֹיפְקְרִיכְן, אָבֶּער עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי עֶר נֶעמְט דָאס אָן. אֵיין טָאג אִיז עֶר בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעם אַנְדֶערְן טָאג זוּכְט עֶר דָאס גוּטְס אוּן קוּקְט אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים אוּן אִיז מָלֵא שִׂמְחָה".

אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף זַיין לֶעבְּן; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אוֹיף דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כב; סִימָן קצא), אַז דֶער גַן עֵדֶן אוּן גֵיהִנוֹם אִיז דָא בָּזֶה הָעוֹלָם, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ דָאס מַסְבִּיר זַיין, אַז עֶס קֶענֶען זִיצְן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אֵיינֶער נֶעבְּן דֶעם אַנְדֶערְן, אֵיינֶער וִויל נָאר אַז דִי וֶועלְט זָאל חָרוּב וֶוערְן, עֶר זֶעט נָאר דָאס שְׁלֶעכְטְס, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער זִיצְט אִין גַן עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן, עֶר זֶעט נָאר דָאס גוּטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְמָרָא; כַאפּ זִיךְ מִיט מִיטְן שִׁיעוּר וָואס מִיר לֶערְנֶען אִין שַׁ"ס, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא. הַיינְט הַאלְטְן מִיר מְנָחוֹת דַף צז. דָאס וֶועט דִיר לִיכְטִיג מַאכְן דַיין לֶעבְּן.

הֶער אַ פְּשַׁט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיף דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.) אוֹיפְן פָּסוּק (אֵיכָה ג, ו): "'בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם', אָמַר רַבִּי יִרְמְיָה זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל", דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף תַּלְמוּד בַּבְלִי; לִכְאוֹרָה, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אַז דָאס אִיז אַ טוּנְקֶעלֶע זַאךְ, אַ טוֹיטֶע זַאךְ? נָאר דָאס קוּמְט צוּ וַוייזְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט 'עֶס אִיז מִיר פִינְסְטֶער', 'עֶס אִיז מִיר טִינְקְל', 'אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ', 'עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶס אִיז מַמָּשׁ בַּיי מִיר מְקוּיָם גֶעוָוארְן דֶעם פָּסוּק "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי

עוֹלָם׳׳, זָאגְט מֶען אִים: ״אָמַר רַבִּי יִרְמְיָה, זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל״, נֶעם אַ גְמָרָא תַּלְמוּד בַּבְלִי, אוּן הֵייבּ אָן לֶערְנֶען, וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן, אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן צוּרִיק לֶעבֶּעדִיג.

זַיי זִיךְ מְחַזֵק אוּן הֵייבּ אָן פוּן פְרִישׁ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא. אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט דָאךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דֶעם דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג; אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי גְמָרָא זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, נָאר זַיי מַמְשִׁיךְ אוּן זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ ״סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד״ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט גְלַייךְ וָואס מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען כְּסִדְרָן, אוּן וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט זָאל מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן, אוּן נָאךְ אַפָּאר מָאל זָאגְן וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט. דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד אִיז אַ דָבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ, פַאר אַ גוּטֶע קָאפּ אוּן פַאר אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ, פַאר יוּנְג אוּן אַלְט וְכוּ׳, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד.

הַיינְט וֶועט זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אַ שִׁיעוּר, אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זִיךְ אוֹיפְצוּפְרִישְׁן נָאכְאַמָאל מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...